STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05525

RASHI

Isaac Unterman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רש״י

זיין לעבען, שאפונג און אויפטהו

— פון —

דר. יצחק אונטערמאן

פעדעראל פרעסס,
פילאדעלפיא.
1940.

מיין בכור, טעאָדאָר הערצל,

א מתנה.

Rashi

His Life and Achievements

By

Dr. Isaac Unterman, Ph. D.; LL.B.

1940

FEDERAL PRESS
406 VINE STREET
Philadelphia, Pa.

Copyright 1940

By DR. ISAAC UNTERMAN

All rights reserved. No part of this book may be reproduced in any form, without permission in writing from the author.

עס איז פאַרבאָטען איבערצודרוקען אדער איבערצוזעצען טיילווייז אדער

אין גאַנצען אהן דער דערלויבניש פון מחבר.

PRINTED IN THE U. S. OF AMERICA

ביז איצט דערשינענע ביכער פון דר. יצחק אונטערמאַן

אידיש :

אידישע און אלגעמיינע דערציהונג, שיקאַגאָ 1916
פון די שחיטה שטעדט, ניו יארק, 1928
די געשיכטע פון אידען אין ניו דזשוירזי, דריי בענדער, נוארק, 1935
אונזערע ימים טובים, 2 בענדער, פילאדעלפיא, 1936
די נביאים, 2 בענדער, פילאדעלפיא, 1938
רש״י, פילאדעלפיא, 1940

העברעאיש :

מעשיות לילדים, 8 כרכים, ווארשא, פוילען, 1921

ענגליש :

The Feast of Esther, Chicago, 1918.
Graphic Portraits, Newark, 1928.
The Jewish Holidays, 2 volumes, Phila., Pa., 1939

אריינפיהר

דער איד האט פון תמיד אָן פארשטאנען, אז נאציאנאלע קולטור איז א וויכטיגער עלעמענט אין דער אויפהאלטונג פון א פאלק. פון סאמע אנהויב אָן האט מען זיך געזאָרגט, אז „שלא נשתכחה תורה מישראל״ — אז דער איד זאָל חלילה ניט פארגעסען זיין תורה, זיין קולטור, וועלכע איז איינציג און אייגענארטיג, לעבענסקרעפטיג און אייביג.

די תורה, אין איהר גאנצען אומפאסענדיגען זין, איז די קייט וואָס פארבינדעט דעם אידען אין אלע צייטען און שמידעט אוים זיין גאנצקייט און אחריות. דורך דער תורה ווערט דער איצטיגער איד דער יורש פון דער אידישער געשיכטע און פון אלע פריהערדיגע דורות, און כל זמן דער געשריבענער ווארט לעבט אין אידען׳ס מויל, איז ער געזיכערט מיט גאנצ-קייט און אויסדויער.

אָהן דער אלטקייט אונזערער, אָהן דער גייסטיגער ירושה, ווערט די פארבינדונג מיט׳ן נעכטען לגמרי איבערגעריסען און מיר פארלירען יע-דען אנהאלט; די פארם דורך וועלכער מיר קענען אמבעסטען קומען צום אויסדרוק, גייט פארלארען און די גאראנטיע פון אייביגען קיום, ווערט אָפּגעשוואכט.

דערפאר, משמעות, האט משה רבינו אזוי שטארק געזארגט, אז די תורה „זאָל ניט פארגעסען ווערען פון זיינע קינדער״. און דערפאר האָט ישעיהו געזאגט: „מיינע ווערטער וואס איך האָב געטאן אין דיין מויל, זאָ-לען זיך ניט אפרוקען פון דיין מויל און פון מויל פון דיינע קינדער און קינדם-קינדער פון איצטער ביז אייביג״.

און אזוי האט מען זינט דאמאלט כסדר געזארגט די תורה זאל תמיד זיין אין מויל פון אידען. די נביאים האָבען זיך דערמיט באשעפטיגט, און שפעטער אויך די חכמי התלמוד. פון די ערשטע סופרים אָן האָט מען זיך

כסדר באמיהט אויסצוטייטשען און פארטייטשען די תורה, איהר צו פּאָ־פּולאַריזירען און ברענגען נעהענטער צום רעאַלען לעבען, און דאַדורך ארויפברענגען אויף די ליפּען פון יעדען אידישען יחיד.

יעדער דור האָט די דאָזיגע זאָרג איבערגענומען. צוליעב די סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטיש־בירגערליכע באַדינגונגען איז תמיד אָנגע־גאַנגען די נויגונג זיך צו דערווייטערען פונם אייגענעם קוואַל און איינ־געשלונגען צו ווערען אין גרויסען וועלט־תהום. תמיד, אבער, האבען זיך געפונען יחידים, נאַציאָנאַלע פיהרער און געטליכע וויזיאָנערען, וועלכע האָ־בען אָפּגעהיט די וואָרנונג פון משה רבינו „כי לא תשכח מפי זרעו" — ס'זאָל ניט פאַרגעסען ווערען פון מויל פון מיינע קינדער.

די תורה איז אין סוף'דיג ווי גאָט איז אין סוף'דיג: זי ענדיגט זיך קיינמאָהל ניט, נאָר איז א כסדר'דיגער המשך: תורת משה, נביאים, משנה, גמרא, מדרש, פּוסקים, און אַלע איבעריגע ספרים פון דער גרויסער און ברייטער תלמודיש־רבנישער ליטעראטור. דער ווארט תורה נעמט אין זיך אריין דעם גאַנצען שאַפונגס־פּראָצעס, וועלכער ווי פאַרצווייגט ער זאָל ניט זיין, איז ער כעצם בלויז איין איינציגע זאך: די ווערבעליכע אינטערפּרע־טאַציע פונם שריפטליכען געזעץ, כדי איהם צוצופּאַסען צו די תמיד־ענדע־רענדיגע פאָרמען פון אונזער נאַציאָנאַלען, געזעלשאַפטליכען און אינדי־ווידועלען טאָג־טעגליכען לעבען.

דער דאָזיגער אינטערפּרעטאַציע־אופן, וואָס די תנאים, אמוראים, סבוראים און גאונים — די גאַנצע פּלעיאַדע פון גייסטיגע שעפּער במשך פון לאַנגע דורות — האָבען געלייגט ווי אַ יסוד פאַר דער איינאָרדענונג פונ'ם אידישען כלל־לעבען, האָט אויך פארוואנדעלט די תורה און די זמונה אין אַ אידיש־נאַציאָנאַלער וועלט־אנשויאונג. אַפילו גאָט, כביכול, איז פארוואנדעלט געווארען אין א נאַציאָנאַלען ענין; גאָט איז געווארען דער שומר און וועכטער פון אידישען פאָלק. די תורה איז אזוי ארום געווארען אַ ריין נאַציאָנאַלע שאַפונג, וואָס איז געקומען טאַקע פון די אייגענע פאָלקס־מקורות.

ס'איז ניט צו געפינען אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע אַ פאָלק זאָל זיך אידענטיפיצירען מיט אַ ווערק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם פּראָצעס פון גייסטיג־קולטורעלער און גלייכצייטיג וועלטליך־יורידישער שאַ־פונג פון טויזענדער יאהר. ס'איז אויך ניט צו געפינען א בוך אדער א

סעריע ביכער וועמענס שאפונג זאל זיך אויסברייטערען אויף א שטח פון טויזענטער יאהר און אריינגעמען אין זיך גאר די געדאנקען און הנחות, גאר דעם פאלקלאר און ליטעראטור, די סאציאלאגיע און עטיק, די רעליגיעז־פילאזאפישע און אוניווערסאל־משיחישע אויפפאסונגען, אידענטיפיצירט מיט אן איינציג און שוואך פאלק, ווי דאס איז די תורה אין איהר פול־אומפאסענדיגער גאנצקייט לגבי דעם אידישען פאלק.

ניט אומזיסט אפשר האבען אונזערע גייסטיגע ריעזען תמיד געזוכט אט דעם דאזיגען קולטור־אוצר צו ברענגען נעהענטער צום אידען. שלא ימוש מפיך, און ניט אומזיסט האט אפשר רש״י אויך געהאט אט דעם דאזיגען הייליגען באגעהר. אויך ער האט געזארגט און אנגעווענדט זיינע גייסטיגע כחות אז „די תורה זאל ניט פארגעסען ווערען פון ישראל״.

דר. יצחק אונטערמאן,

פילאדעלפיא, חשון תש״א.

זיין שאפונג און אויפטהו

ערשטער קאפיטעל

זינט דעם אָפּשלוס פון תלמוד ביז דעם אויפשטייג פון רש״י, זיינען געווען א סך וואָס האָבען פּרובירט די תורה פּאַרטייטשען און פּאָפּולאַריזירען, אָבער בלויז רש״י איז פאַרבליבען קלאַסיש. אַלע האָבען זיי געזעהן די נויטווענדיגקייט פון פאַרלייכטערען דעם לימוד התורה, און אַלע האָבען זיי געמאַכט נייע פּירושים און פּאַרטייטשונגען, דאָך האָט עס ניט געבראַכט די געוואונשטע רעזולטאַטען. די פּירושים זעלבּסט זיינען געוואָרען האַרבער און טרוקענער, און געפאָדערט פיעל מעהר חריפות און לומדות ווי דער עצם טעקסט.

אויב רש״י איז ניט געווען דער גאָר ערשטער מפרש, ניט אַפילו אין זיין אייגען וואוינלאַנד, איז ער אָבער געווען דער סאַמער ערשטער צוצוטרעטען מיט א שפּאָגעל נייעם דרך און אופן. זיין נייקייט איז באַשטאַנען, הויפּטזעכליך, אינם ארויסגריבלען דעם פּשוט׳ען זין פון דעם גרויסען ים מיט דרש און פּלפּול, וואס האָט זיך ביז איהם אָנגעקליבען.

רש״י איז קודם כל פּשטות און קלאָהרקייט, פּשוטער זין און פאָלקסטימליכער טאָן. רש״י איז ניט קיין פילאָזאָף, און איז אויך ניט פאַרכאַפּט פון ספקות׳ן. ער דאַרף דאַריבער ניט ארייגטייטשען קיין נייע געדאַנקען, ניט אוים׳פּשט׳לען נייע וואַקלענדיגע אויספיהרונגען.

רש״י באַשאַפט ניט קיין נייע דרכים אין אידענטום נאָר זוכט אָפּצוהיטען דאָס עקזיסטירענדיגע, און עס טיפער און שטאַרקער פאַרפלאַנצען אינם אידישען לעבען. זיינע אייגענע מיינונגען זיינען קיינמאָל ניט אין סתירה צום אינהאַלט, און ער געפינט זיך דאריבער קיינמאָהל ניט אין דער פארלעגענהייט פון, למשל, א רמב״ם אדער אן אבן עזרא.

רש"י האָט זיך ניט אריינגעלאָזען אין פּלפּול און אין דיאַלעקטיק, איז אויך ניט פאַרקראָכען אין די לאַבירינטען פון דער דאַמאָלסטדיגער פאָרשונג און וויסענשאַפט. זיין הויפּט כונה איז געווען א פּשוטע, אַזוי צו זאָגען: א מלמדישע. ער האָט אויף זיך גענומען די ראָל פון א דרדקי מלמד, און פראָסט פּשוט פאַרטייטשט א שטיקעל חומש מיט רש"י.

רש"י האט געהאַלטען, אַז קודם מוז מען פאַרשטיין גוט דעם פּשוטען פּשט, און ערשט דערנאָך מעג מען, וואו עס איז נויטיג, זיך דערלויבען צו דרש'ענען און פּשט'לען. און אָט מיט דעם דאָזיגען נייעם אופן, איז רש"י דערגאַנגען דירעקט צום פאָלק, צו די פּשוטע אידישע מאַסען, וועלכע האבען ווי אַן אויסדרוק פון דאנקבארקייט איהם פאַרוועבט אין א נעץ פון פאַרכאַפּענדיגע לעגענדעס:

איינע אַזא לעגענדע דערציילט, אַז ווען רש"י האט פאַרענדיגט זיין פּירוש אויף דער תורה, איז משה רבינו געקומען צו איהם, א קוש געטאָהן איהם אין קאָפּ, און אויסגערופען:

— שלמה, דו ביסט דער ערשטער וואס האט ריכטיג פאַרשטאַנען מיין כונה!

רש"י האָט די דאָזיגע קרוין וואָס דאָס פאָלק האָט איהם אָנגעטאָן, כשר פאַרדיענט. רש"י איז געווען א גאון צווישען גאונים, אבער אַן אייגענער מענש צווישען ברייטען עולם. רש"י האט געקענט פּלפּול, פאַרמאָגט גרויסע חריפות, און זיך לייכט געקענט פאַרפּלאָנטערען אין שווערען דרש. רש"י האט עס אבער ניט געטאָן. ער האט גלייך ביים סאַמע אנהויב אוועקגעשטעלט די הנחה, אַז „די תורה רעדט אין א מענשליכער שפראַך כדי צו מאַכען צוגענגליך צום מענשליכען אויער." מאַכט זיך אמאָל אַז ער ברענגט אריין א תלמודישען דרש, פאַרכאַפּט ער זיך גלייך און דערקלעהרט:

— זאָל זיך דער דרש דרש'ענען, אבער דער פּסוק גייט ניט ארויס פון זיין פּשט.

רש"י האט, איינענטליך, ליעב דעם דרש, און האט זיך אָפט דערפון ניט געקענט שיידען. איז ער אבער געווען זעהר איבערקלייבעריש, און זיך בענוצט מיטן דרש ניט ווי מיט אן עיקר נאָר ווי א מין באצירונג און קינסטלערישע פאַרב, וואס זוכט צו פאַרגרעסערען דעם אינטערעס און

פארשענערען דאס בילד. ער אליין זאגט אָפּט: „דער דאָזיגער פּסוק בעט זיך מ׳זאל איהם דרשענען.״

ס׳איז באמת א גליק וואס רש״י האט ניט לגמרי אויסגעמיטען דעם דרש. גאָר אָפּט איז עס דוקא דער דרש, וואס האָט זיך אזוי שטארק פאר־פלאנצט אינם הארצען פונם פשוטען פאלקסמענש. רש״י האט געהאט א וואונדערבארען חוש אויסצוקלייבען דאָס סאַמע בעסטע און שענסטע פון דער גרויסער מדרש־ליטעראטור, און זיין דרש מאכט טאקע דעם פּסוק פאר־בענרייכער און הארציגער.

אָט שטייט לעבעדיג פאר די אויגען דאס באקאנטע חדר־בילד:

ס׳איז א סומנע ווינטער נאכט. פון דרויסען ווייסען זיך פארשנייטע דעכער, און איבער די חדר־ווענט טונקלען זיך שאטענס אין מאטען ליכט. הויך אויפן באלקען צאנקט א קעראסין־לאָמפּ, און דורך זיין שיין זעהט זיך דער סילועט פונם רבי׳ן. ס׳איז שטיל ארום, און אין דער שטילקייט טראגט זיך דער הארציג־טרויעריגער ניגון פון א פּסוק רש״י:

ואני — און איך, כאָטש איך בין דיך מטריח מיט מיין אייגענער קבורה, האב איך אבער מיט דיין מוטער רחל אזוי ניט געטאן. בבואי מפּדן ארם — אז איך האב געטאן קומען פון פּדן ארם, מתה עלי רחל — איז רחל אויף מיר געשטארבען. וועסטו דאָך אפשר זאגען אז ס׳איז געווען ווייט, קאן איך דיר זאגען בעוד כברת ארץ לבא אפרתה, אז ס׳איז נאך געווען א שטיק לאנד צו קומען קיין אפרת. אפשר קאָנסטו מיינען אז ס׳איז געווען א רעגען, זאג איך דיר אז די ערד איז געווען געלעכערט ווי א רעשעטע. אי וועסטו פרעגען פארוואס האב איך זי ניט געבראכט צו קבורה אין דער מערת המכפלה, וועל איך דיר זאָגען אז איך האָב עס געטאָן על פּי הדיבור, ווייל גאָט האט אזוי געהייסען. אז נבוזראדן וועט פארטרייבען די אידען אין גלות אריין און זיי וועלען פארבייגעהן רחל׳ס קבר, וועט רחל ארויסגעהן און וועט וויינען און שרייען, ווי אין פּסוק שטייט: קול ברמה נשמע, איהר קול איז געהערט געווארען אין הימעל. רחל מבכה על בניה, רחל וויינט אויף איהרע קינדער. דאמאלט וועט ארויס א בת קול און וועט זאגען כי יש שכר לפעולתך ושובו בנים לגבולם, גאָט וועט דיך באלוינען פאר דיין מיה און וועט דיינע קינדער צוריקקעהרען צו זייערע געמערק.

אָט דער דאָזיגער דרש האט אויפן אידישען קינד געהאט גאר א שטארקע ווירקונג; ס'האט באריהרט זיין איידעל נשמה'לע און איהם געמאכט עמאציאנעל, מאלעריש און דיכטעריש.

רש"י מיידט אוים דעם מיסטישען און קאמפליצירטען דרש. ביי איהם איז אפילו דער דרש פאלקסטימליך און פשוט. בלויז א וואָרט אדער א בילדעל, א באגריף אדער א געדאנק, און די דערקלעהרונג איז א באוויר־קענדיגע. רש"י איז דאריבער דער מפרש חן פארן למדן און קענער און הן פארן פשוטען עמך־איד און חדר־איינגעל.

דאס דאָזיגע איז רש"י'ס גרויסקייט און אייגענארטיגקייט. זיין גרויסקייט באשטייט אין דעם וואס ער האט מיט זיין שאפונג באוויזען צו געווינען די הערצער פון די ברייטע אידישע מאסען. ס'האט זיך ביי זיי אויסגעפארמירט א געפיהל, אז די תורה איז רש"י, און רש"י — די תורה. א חומש אדער א גמרא אהן דער רש"י ביי דער זייט, איז לגמרי אוממעגליך. טאָמער האט זיך אמאל באוויזען א חומש אהן דער רש"י, האט מען דארויף געקוקט מיט גרוים חשד; מ'האט פארשטאנען, אז אזוינס האט ניט אין זיך די הייליגקייט פון דער תורה.

זיין אייגענארטיגקייט באשטייט אין דעם וואס ער איז געווען זעלבסט־שטענדיג, פול מיט פענאמאלען וויסען און מיט א סך אינטואיציע און וויזיע. רש"י האט דערזעהן בחוש אז די תורה וועט ווערען א ווערק פאר אן ענגער קאסטע פון לומדים און גריבלער, און די ברייטע פאלקסמאסען וועלען דערצו ניט האבען קיין צוטריט סיידען מען וועט זיך דערווייטערען פון דעם קאמ־פליצירטען און מיסטישען דרש.

רש"י האט דאריבער טאקע אפגענויגט פון דעם טראדיציאנעלען שטייגער, און זיך פארנומען אויפן וועג פון פשוט'ען פשט. רש"י האט זיך אפילו ניט געשעמט צו זאגען, אז דער אדער יענער פסוק איז פאר איהם אומקלאָהר און קאן דעם פשט ניט פארשטיין. איז איהם אמאל ניט געפעי־לען געווארען דער פשט פון א תרגום, האט ער אָהן וועלכער מורא דער־קלעהרט אז דער תרגום מאכט א טעות.

הונדערטער יאהרען כסדר האבען מפרשים אפגעפרעגט רש"י'ס טייט־שונגען, מחולק געווען אויף א סך פון זיינע פירושים און פארענטפערט א סך פון זיינע קשיות, און דאָך איז רש"י'ס גרויסקייט אויף א האָר ניט גע־מינערט געווארען.

זיינע אייגענע אייניקלעך, דער רשב״ם, דער רבנו תם און דער ריב״ם האבען ניט מסכים געווען מיט רש״י׳ס פשטים. זיין אייגענער אייניקעל... דעם, דער ריב״ן, און מיט איהם די איבריגע בעלי תוספות, האבען אויפגעשטעלט שווערע קשיות אויף זיינע סברות און טייטשונגען, און דאך איז פאקטיש אוממעגליך צו טראכטען וועגען לערנען א פרשה חומש אדער א בלעטעל גמרא אהן רש״י. לומדים גריבלען זיך אין א תוספת און אין א רשב״ם, אבער יעדער איינציגער איד האט געלערענט א שטיקעל רש״י. זיינע אפפרעגער און קריגער זיינען קיינמאל צום פאלק ניט דערגאנגען און פארבליבען בלויז באוואונדערט ביי א קאסטע לומדים און חריפים, רש״י, אבער איז אלעמענס רבי און לערער און איז באוואונדערט און פאפולער ביים גאנצען אידישען פאלק. ניט אומזיסט האט ער געקראגען דעם ליעבלינג־נאמען: „פרשנדתא״ — דער דערקלעהרער פון דער תורה. — כאטש דער דאזיגער טיטול איז ווייט ניט גענוג אויסצודריקען רש״י׳ס שאפונג און אויפטהו.

רש״י איז דער ארכיטעקט און קינסטלער פון אונזער פאלקס בנין אין די לעצטע ניין הונדערט יאהר. ער איז געווען דער גרויסער משפיע און רבי, דער פאפולאריזאטאר און אנטוויקלער פון דער אידיש־רעליגיעזער ליטעראטור, וועלכע איז אין אונזער פאלקס לעבען געווען פאקטיש די איינציגע ליטעראטור. קלאהר זיינען געווען די רייד פון זיינע תלמידים: „תלמידיו אנו ומימיו אנו שותים״ — מיר זיינען זיינע תלמידים און זיין וואסער טרינקען מיר. ניט בלויז האבען מיר דורך רש״י געקראגען א צוטריט צו דער תורה, צו די נביאים און צו דער גמרא, נאר מיר האבען דורך איהם אויך דערלערענט דעם סטיל און געבוי פון אונזער, דער העברעאישער, שפראך.

רש״י האט בכלל פארמאגט א זעלטענעם חוש פאר שפראך. ער זוכט ניט קיין שפראך־עפעקטען, און האט ממילא ניט קיין איין איבריגען ווארט. זיין שפראך איז קורץ, און דאך קלאהר; פשוט און דאך גיט זי דעם ריכטיגען אויסדרוק. מיט זיינעם א „כלומר״ זאגט ער דעם לערנער: איך האב דיר אנגעצייכענט א וועג, און די פויל זיך ניט און גיב אביסעל א טראכט, וועסטו פארשטיין דעם ענין.

אזא פעדאגאגישען טאלאנט און מעטאד, האט בלויז רש״י פארמאגט, קיינער פון די קאמענטאטארס פאר איהם אדער נאך איהם, האבען די דאזיגע מעלות ניט פארמאגט. רש״י איז דער פראקטישסטער פעדאגאג. ער פיהרט דעם תלמיד ביי דער האנד, ווייזט איהם אן דעם ריכטיגען וועג, באלויכט איהם

די טונקעלע שטעגען, רוימט פאר איהם אוועק די שטיינער און טיפע זאמדען, און באוועגט איהם אליין צו טראכטען און דענקען. רש״י איז צום תלמיד ניט ווי א געדונגענער לעהרער, נאר ווי א חבר און מיטלערנער. רש״י איז פריינדליך, ממש אן אייגענער מענש, און דער למדן ווי דער פשוטער מענש ווערט באווירקט פון זיין מיטלערנען בהברותא. מען דערפיהלט זיך זיכער, אהן וועלכער פארלוירענקייט: נישקשה, רש״י וועט שוין ארויסהעלפען!

רש״י איז באהעפט צום תלמיד מיט א דביקות פון אמת׳ער ליעבע, איז אן עצם טייל פון דעם תלמיד׳ס מחות, און דער תלמיד דערפיהלט עס מיט אלע זיינע חושים און ווערט צו איהם צוגעבונדען מיט אלע זיינע איברים. דער רבי און דער תלמיד, ביידע, ווערען איין איינציגע איינינקייט, איין גוף און איין נשמה.

מ׳דערציילט אז רש״י האט איינמאל געבעטען זיין אייניקעל, דעם רשב״ם, איהם ארויסצוהעלפען פארענדיגען דעם פירוש אויף א געוויסען ענין. ווען דער רשב״ם האט געבראכט דעם אנגעשריבענעם פירוש, האט רש״י שמייכלענדיג געווארפען א בליק אויפן גרויסען פאק פארשריבענעם פאפיער און זיך גוטמוטיג אנגערופען:

— מיין קינד, אויב דו וועסט אויף אזא אופן שרייבען א פירוש אויף דער גמרא, וועט ער זיין אזוי שווער אז מען וועט איהם מוזען פיהרען אויף א רייטוואגען.

רש״י׳ס סטיל איז שיין און חנ׳עוודיג, און זיין פירוש אויף דער תורה איז דאריבער פארבליבען א קלאסיש מייסטערווערק. זיינע משלים, וועלכע זיינען אגב קליין אין צאהל, זיינען איצטער א חשובער טייל פון דער קלאסישער בעלעטריסטיק. די מעשה פון הולדה בבור, די קאץ און דער ברונים, וואס גאלדפאדען האט פארוועבט אין זיין פיעסע „שולמית״, איז רש״י׳ס אן אריגינעלע שאפונג. אזוי איז אויך די מעשה מיטן „פוקס און וואלף״, וועלכע געפינט זיך איצטער אין דער ליטעראטור פון יעדען פאלק און לאנד.

רש״י איז אויך פינקטליך און סימעטריש. ער פארמאגט דעם טעב־נישען וויסען צו וועגען און מעסטען זיין יעדען זאץ און ווארט. ער איז קיינ־מאל ניט צוצווינגען, זוכט ניט צו געבען פארשטיין דורך ניין מאס רייד. פאר־קעהרט, ער איז א מועט מחזיק את המרובה, א קליינער זאץ פון בלויז עטליכע געציילטע ווערטער און דאך מאכט ער קלאהר א סך הארבע שטעלען און

פארענטפערט א סך חומרה'דיגע קשיות. דערפון האט זיך אפשר גענומען דאס פאָלקסווערטעל: „אין רש״י'ס צייטען איז טינט געווען מיט גאָלד צוגלייך.״

זיין הויפט דערפאלג ליגט בלויז אין זיין סטיל. מיט איין איינציגען וואָרט מאכט ער ליכטיג א שווער שטיקעל גמרא אדער א פסוק תנ״ד. קיין שריפטשטעלער אין קיין שום לאנד און שפראך, האט דערגרייכט אזא קלאָרקייט און סטיליסטישע קונסט.

רש״י איז דערפאר מיט זיין פשוטער שפראך און קורצקייט געווען ווי געבוירען פאר דער גרויסער אויפגאבע צו דערקלעהרען פארן פאָלק דעם שווערען תלמוד. בלויז רש״י'ן האבען מיר צו פארדאנקען, וואס דער תלמוד איז פארשפרייט געווארען צווישען די גאָר ברייטע שיכטען פון אידישען פאָלק. ווען ניט רש״י וואָלט דער תלמוד געבליבען פאר אלעמען א ספר מיט זיבען שלעסער.

רש״י האט אין א געוויסען זין אפגעראטעוועט די גמרא, ווייל א סך שטעלען און באגריפען זיינען געווארען אומפארשטענדליך און דערצו האט זיך אין דער גמרא אריינגעכאפט א גרויסע צאָהל טעותים. די אראמעאישע שפראך אין וועלכער די גמרא איז געשריבען, איז אין די אייראָפעאישע לענדער געווען לגמרי א פרעמדע וואס קיינער האט אויך איהר ניט גערעדט און ניט פארשטאנען. די גמרא פלעגט דאמאלט איבערגעשריבען ווערען פון פראָפעסיאנעלע סופרים, און מיט זייער גאנצער פארזיכטיגקייט האבען זיי ניט געקענט פארמיידען די טעותים און גרייזען.

די ערשטע חכמי התלמוד, אין די יאהרען פון זיין אנטוויקלונג, האבען קיין פירושים און אויסטייטשונגען ניט באדארפט. די גמרא איז געווען א תורה שבעל פה, וואס איז טראדיציאנעל איבערגעגעבען געווארען פון מויל צו מויל, פון דור צו דור. דער אלגעמיינער עולם האט דעם תלמוד ניט געקענט און ניט געלערענט. דער תלמוד איז שטודירט און אויסגעברייטערט געווארען בלויז אין די ישיבות, און דער גרויסער עולם האט זיך באנוגענט מיט אויסהערען אין געוויסע טעג רעפעראטען איבער הלכה אדער דרשות איבער אגדה. דער מעהר פעהיגערער האט ווי עס איז דעם רעפעראט פארשטאנען און אויך אן הנאה געהאט, דער פראסטערער עולם אבער האט

מעהר געצויגען צו דער אגדה, צו דעם משל און מעשה'לע, וואס ער האט דערביי געהערט.

דערציילט טאקע די גמרא, אז רבי אבוהו און רבי חייא זיינען איינמאל געקומען אין זעלבען שטעדטעל ריידען צום עולם. האט רבי אבוהו גערעדט טיפזיניג איבער דער הלכה, און רבי חייא האט דערציילט שעהנע מעשה'לעך און לעגענדען. איז דער עולם אוועק פון רבי אבוהו'ס הלכה-רעפעראט און געלאפען צו רבי חייא און זיין דרשה איבער דער אגדה.

אפילו נאכדעם ווי דער תלמוד איז שוין געווען אפגעשלאסען און פארענדיגט און מען האט שוין אין די ישיבות אנגעהויבען מאכען פירושים, דערקלעהרונגען און פארטייטשונגען, זיינען זיי נאך אלץ געווען בעל פה, ניט אויפגעשריבען. די ראשי ישיבות איז נאך האמאלט אויפ'ן געדאנק ניט געקומען, אז די ישיבות וועלען צעווארפען ווערען אין פיעלע ווייטע מקומות אדער די פירושים און קונטריסים וועלען אין גאנצען ארויסגענומען ווערען פון זייער רשות.

ערשט נאכדעם ווי די צעווארפענקייט איז שוין געווארען א פאקט, האבען די חכמים איינגעזעהן די נויטווענדיגקייט פון א פירוש בכתב און זיך פארנומען צו פארצייכענען די פירושים און אויסטייטשונגען אויף גליונות, אדער ווי זיי האבען עס גערופען: קונטריסים.

אט די דאזיגע קונטריסים זיינען אויך מיט דער צייט געווארען גרויס אין צאהל און צעווארפען. יעדע ישיבה האט זיך געהאט איהרע אייגענע קונטריסים, און זעלטען ווען האט זיך איינער גענומען די מיה צו פארגלייכען איינע מיט די אנדערע און פעסטצושטעלען דעם אמת'ען פשט.

די קונטריסים זיינען שוין געווען א גרויסער שריט פאראויס. עס האבען זיך שוין אנגעהויבען שאפען אריגינעלע און זעלבסטשטענדיגע ווערק, וואס האבען געזוכט דעם תלמוד צו פאפולאריזירען און לייכטער מאכען זיין לימוד. די קונטריסים זיינען שוין געווען געשריבענע, און האבען כולל געווען אלע אויפטואונגען און חדושים וואס זיינען געשאפען געווארען דורך די תלמודישע אויטאריטעטען. די תלמידים אין די ישיבות האבען די חדושים פארצייכענט, און זיי איינגעקריצט אין זכרון. א סך תלמידים האבען זיך שפעטער אויך אוועקגעלאזען צו די ברייטע מאסען, און איבערגעגעבען אלץ וואס זיי האבען געלערענט פון זייערע רביים.

אבער אויך אין די קונטריסים זיינען אריינגעפאלען טעותים, וואס האבן דעם ענין געמאכט שווער און אומפארשטענדליך. ניט אלע ישיבה־תלמידים האבן אליין געקענט פארצייכנען די פילע חדושים, דערקלערונגען און דער פארמעט־פאפיער איז געווען א טייערער ארטיקעל. א סך, איבערהויפט די רייכערע, האבן די ארבייט איבערגעגעבן צו די פראפעסיאנעלע אי־בערשרייבער, און יענע האבן שוין, ווי דער שטייגער איז, געמאכט אהן א צאל גרייזן.

עס האט זיך דאריבער געפאדערט א גייסטיגער ריעז אט די אלע קונטריסים צונויפצוזאמלען, זיי פארגלייכען איינע מיט דער אנדערער און קארעגירען די גרייזן.

רש״י האט די דאזיגע קאלאסאלע ארבעט געטאן. ער האט פאר־ריכט דעם טעקסט, אלץ איבערגעוואויגען און איבערגעמאסטען, אויפגעבויט א ים מיט אייגענע הגהות, צוועקגעשטעלט א מאנומענט מיט אייגענע פירושים און פארטייטשונגען און מבאר געווען דעם תלמוד. נאך רש״י׳ן איז דער תלמוד געווארען דער עיקר׳דיגער אינהאלט אינם אידישען לעבען, דער אינהאלט פון אלעמענס גייסטיגען לעבען, פונם למדן און חריף, און פונם בעל הבית און פשוטען מענשען. אהן רש״י׳ן וואלט דער תלמוד פארבליבען א ספר החתום אדער אפשר אין גאנצען פארלארען געגאנגען.

און אט דאס זעלבע האט רש״י אויך געטאן מיט די כתבי הקודש, מיט אונזער גאנצען תנ״ך. זיין אייניקעל, דער רבנו תם, האט שפעטער געזאגט: „דעם פירוש אויף דער גמרא וואלט איך געקענט מאכען פונקט אזוי גוט ווי מיין זיידע, אבער דעם פירוש אויף די כתבי הקודש וואלט איך בשום אופן ניט געקענט באשאפען.״

רש״י האט דא פאקטיש אנגעווענדט די זעלבע מעטאדע ווי אין זיין פירוש אויף דער גמרא, און אויך דא איז ער געווען דער גרויסער בעל הגיון און ניט דורכגעלאזט קיין איינציגעןווארט וואס האט געפאדערט אן אויסטייטש. רש״י איז אבער דא מעהר ניט געווען אפגעהיט מיט׳ן הוילען פשט. ער האט זיך שוין אפט דערלויבט צו באנוצען מיט דרש, און מערק־ווירדיג, דוקא דערמיט איז ער דא געניאל און שיין.

רש"י איז אין זיין פירוש אויף די כתבי הקודש אסך מעהרער דרשן ווי פרשן. ער דערקלעהרט פסוקים מעהרער ווערליג דער תלמודישער אגדה איידער ווי דעם געוויינטליכען פשט. און דאס דאזיגע איז ליכט צו פארשטיין:

די תורה איז אין איהר געשיכטע דורכגעגאנגען א סך טראנספאָר־מאציעס אין אייגענטליכען זין פון איהר אויסטייטשונג. על פי רוב האָט מען זיך ווייניג וואָס אָפגעשטעלט אויפן עצם פשט פון פסוק. מען האָט געגלויבט, אַז די תורה איז אין זיך כולל אַלץ נאָר מען דארף בלויז אויס־געפינען די באהאַלטענע כונה און דעם טיפען סוד.

טייל מפרשים האָבען געגלויבט, אַז די תורה איז אַלעגאריש, בלויז בדרך משל, און ממילא האָבען זיי געמוזט זיך אָפשטעלען אויף יעדען אות אין דער תורה און אפילו אויף א נקודה. די תורה איז געווען די אידישע הייליגקייט. און מען האָט מורא געהאט און אפשר טאקע ניט געקענט צוטרעטען צו איהר מיט דעם פשוטען צוגאַנג. האָט מען דאריבער כסדר געזוכט זיך צו פארטיפען אין איהרע סודות, און ממילא געמוזט אָנקומען צום מעטאָד פון דרש.

אגב, האָט דער איד געהאט א באזונדערע ליעבשאפט צום דרש, ווייל דער דרש האָט אי געשארפט זיין מח, אי קולטיווירט זיין געדאנק, אי איהם געגעבען א טיפערען און ברייטערען אינהאַלט און אי איהם פארשאפט גרויס פארגעניגען. דער דרש איז געווען בכח ארויסצוברענגען א שענע־רען רעיון, א טיפערען זין, א פיינערע כונה, און דאס דאָזיגע נאָך באצירען און באפוצען מיט א שיינעם משל אָדער מיט אַן אינטערעסאנט פארכאַ־פענדיג מעשה'לע.

דער מדרש האָט טאקע תמיד אַרומגעפוצט דעם טייטש פון א פסוק מיט אַזעלכע באצירונגען, און אַלץ איז אַרויסגעקומען פאנטאסטישער, רייכער און שעהנער. די אבות זיינען גלאָריפיצירט געוואָרען, ארומגערינגעלט געוואָרען מיט געטליכער קדושה, און די מלחמה־העלדען זיינען מעהר פאר־גייסטיגט געוואָרען, מעהר פארהערליכט און פארגעטערט געוואָרען.

דער רשב"ם, וועלכער האָט דעם דרש אין גאַנצען אויסגעמיטען, האָט פרובירט פאַרענטפערען די ערשטע מפרשים אַ:ן צווישען זיי אויך רש"י'ן, זיין זיידען, און ער האָט דערקלעהרט: הראשונים מתוך הסידותם נתעסקו לנטות אחרי הדרשות ומתוך כך לא הורגלו בעמק פשוטו של מקרא"—די

ערשטע האבען זיך צוליעב זייער פרומקייט גענויגט נאָכן דרש, און דאדורך זיך ניט צוגעוואוינט צו פארטיפען אין פשוטען טייטש פון פסוק.

קאנטיג, אז רש״י האט שטארק ליעב געהאט דעם דרש, און איז פארכאפט געווארען פון דער שיינקייט אין דער אידישער אגדה. דערפאר האָט ער אין זיין פירוש אויף די כתבי הקודש געמאכט א פשרה, און זיך באַנוצט מיטביידע מעטאָדען. עס איז אויך מעגליך, אז ער האָט אין זיין גרויסער עניוות מורא געהאט אז ער וועט חלילה מאַכען אַ טעות אין פשט און די שונאי ישראל וועלען זיך דערמיט באַנוצען.

די קריסטליכע גלחים האָבען אין יענער צייט זיך כסדר באַנוצט מיט אונזערע כתבי הקודש צו באווייזען אַן אַנדייט אויף זייער אמונה, און ממילא האָבען זיי דערקלעהרט אַז די תורה איז בלויז אַן אַלעגאָריע. די אידען זיינען דאמאָלט אויך געצוואונגען געוואָרען צו פיהרען אָפטע דיס־קוסיעס מיט קריסטליכע גלחים, און די געפאהר וועגען אַ שלעכטער אויס־טייטשונג איז דאריבער געווען זעהר גרויס. דורכאויס זיך באַזירען אויפן פשט איז געווען שווער. ווי רש״י האָט געזאגט: „דער פסוק בעט זיך מען זאָל איהם דרשענען.״ אויסמיידען דעם פשט און זיך אוועקלאָזען אויפן דרך פון דרש, איז געווען געפעהרליך. מען וואָלט דאמאָלט קענען זאָגען, אַז די נסים און פאסירונגען זיינען ניט קיין אמת׳ע פאקטען נאָר בלויז אַלעגארישע, פאַנטאַסטישע מעשה׳לעך, האָט רש״י אויסגעווילט דעם שביל הזהב, דעם מיטעל־און־גאָלדענעם וועג. קודם כל האָט ער געזוכט דעם פשוטען טייטש פון פסוק, און בלויז דאָ וואו עס האָט זיך ממש געבעטען אַ שטיקעלע דרש, האט ער גענומען די אגדה צו הילף.

אין ביידע, אין פשט און אין דרש, איז דאָ רש״י געווען געניאַל, און געשאַפען אַ סימפאָנישע האַרמאָניע. אין פשט האָט ער אַרויסגעוויזען פענאָמענאַלע גאונות און אינטואיציע, און אין דרש האָט ער אַרויסגעוויזען גרויסען דיכטעריש־קינסטלערישען טאַלאַנט.

אגב, איז רש״י טאַקע געווען אויך אַ משורר און פייטן. צווישען זיינע פילע דיכטונגען צייכענט זיך אויס דער פיוט נאָך דער יום כפור׳דיגער עבודה: ומשחרב בית המקדש, תנוח צרות לא נוכל, שבר בכל יום ואנחה.״ אין דעם פיוט פיהלט זיך פיינער דיכטערישער טאַלאַנט און אַ וואַרעם אידיש האַרץ, וואָס קלאָגט אויפן בראָך פון די אומגעקומענע על קידוש השם.

אין די שירים זיינע, קאָן מען אויך אמבעסטען אָנזעהן דעם מענשען אין איהם. אין די צוויי הויפטווערק, זיין פירוש אויף תנ"ך און תלמוד, ווערט דער ענגאַ זיינער פארשמאלצען מיט דעם ווערק. דער „איך" פון דעם מבאר זעהט זיך לגמרי ניט ארויס, און די אייגענארטיגע פיזאנאמיע זיינע איז ניט גענוג קריסטאליזירט און אויסגעפורעמט.

אין זיין פירוש אויף תורה, קאָן מען אָנזעהן די גרויסקייט זיינע אַלס לעהרער און פעדאגאָג; מען קאן אויך ארויסזעהן זיין פסיכאָלאָגישע קענט־שאַפט פון מענשען אין יעדען עלטער. אין זיין פירוש אויף גמרא דערזעהט מען שוין דעם גרויסען לאָגיקער, דעם ראציאנאליסט און וויסענשאפטסמאן, וועלכער ברעכט זיך דורך אַ דרך אין די סאמע קאמפליצירסטע סוגיות. דעם מענשען אָבער, דעם מיט נויגונגען און געפיהלען, מיט האָפענונגען און אנטוישונגען, קאָן מען אין די פירושים ניט אַרויסזעהן.

אויב מען וויל יאָ דערקענען זיין אייגענאַרטיגע פערזענליכקייט, זיין מענשליכקייט און כאַראַקטער, זיין השקפה אויפן לעבען און זיין דיכטערישע אינטואיציע, מוז מען אנקומען צו זיינע שירים און פיוטים, וועלכע זענען דוקא אַזוי ווייניג באַקאנט אַפילו אין דער לומדישער וועלט. דאָרטען דער־זעהט מען רשי"ן דעם מענשען, דעם אייגענאַרטיגען און גרויסען מענשען. דאָרטען דערטאַפט מען לייכט זיין ליעבע און איינזעהעניש מיט דער וועלט, זיין ווייכען און האַרציגען כאַראַקטער, זיין הומאַניטאַרישקייט און ראָמאַנ־טישקייט, זיין קינסטלערישקייט און צאַרטקייט, זיין פאָלקסטימליכקייט און האַרציגקייט.

רש"י איז די פאַרקערפערונג פון הייליגער פרומקייט און מאָראַלישער ריינקייט. זיין תכלית אין לעבען איז געווען: ליעבשאַפט צווישען מענשען, גוטע באַציאונגען בין אדם לחברו. זיין עניוות איז געווען אַ נאַטירליכע, אַ ריינע, און אָהן אַ וועלכען פערזענליכען צוועק.

זעהר ריהרענדיג און אייגענאַרטיג טיעף־אידישלעך האט אמאהל נחום סאָקאָלאָוו געמאָלען דעם איבערריים פון רש"י'ס פירוש:

איך געדענק — האט נחום סאָקאָלאָוו געשריבען — ווען איך האָב געלערענט ביים טאַטען זכרונו לברכה די מסכת בבא בתרא. דערגרייכענדיג דעם דף כ"ט, האט דער טאַטע אראָפגעלאָזט דעם קאָפּ איבער דער גמרא, גע־געבען אַ טיעפען קרעכץ און געזאגט: אוים רש"י! טרעהרען האבען זיך אראָפגעקייקעלט פון זיינע אויגען: אמת, די גרויסע אייניקלעך זיינע, ר'

יהודה בן נתן און ר׳ שמואל בן מאיר, האבען פארענדיגט דעם פירוש זעהר קלוג און באַטעמ׳ט, אבער ס׳איז דאָך ניט רש״י.

און אָט דאס זעלבע האט געטראפען — דערציילט ווייטער נחום סאָ־קאלאוו — ווען מיר האָבען געלערענט מסכת מכות און דערגרייכט דעם דף י״ט. אין יענע מאמענטען האב איך דורכגעלעבט די אבלית אויף רש״י׳ן: אוים רש״י! איבערגעריסען דאס לאנגע, הערליכע, צארטע לעבענס־און־שאַ־פונגס ליעד פון גרעסטען גייסט־העלד אין אידענטום — אינמיטען איבער־געריסען.

רש״י איז — לויט דעם לשון פון די הייליגע ספרים — גערופען גע־ווארען צו דער ישיבה של מעלה ביום כ״ט תמוז ד׳ אלפים תתפ״ה.

זיין לעבען און סביבה

צווייטער קאַפּיטעל

רש״י, רבנו שלמה יצחקי, איז געבוירען געוואָרן אין יאָר 1040 (ד׳ ת״ת) אינם קליינעם פראַנצויזישן שטעדטל טרוא (טרויש). צווישן די היסטאָריקער גייט אָן אַ פּלוגתא וועגן רש״י׳ס געבורטאָרט. עטליכע טענה׳ען אַז ער איז געבוירן געוואָרען אין וואָרמס, אַנדערע מיינען אַז ער איז געבוירען געוואָרען אין לונעל, און גאָר דער גרויסער רוב האַלט, אַז ער איז געבוירען געוואָרן אין טרוא. יעדע איינע פון די דריי שטעדט וויל צו זיך צושרייבן דעם זכות, אָבער וועדליק די מער זיכערע פאַקטן, איז רש״י געבוירן געוואָרן אין טרוא אין זעלבן יאָר ווען ס׳איז אויף אַ מאַר־טירערישן אופן אומגעקומען דער לעצטער גאון פון פומבדיתא.

טרוא איז געווען אַן אַלטע אידישע קהלה, און אידן האָבן זיך דאָרטן באַזעצט נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן, אפשר נאָך מיט די ערשטע רוימישע לעגיאָנען, וועלכע זיינען אהין געשיקט געוואָרען נאכ׳ן חורבן בית שני. אידען זיינען מיט די לעגיאָנערן מיטגעגאַנגען אויף דער פאָדערונג פון די מילי־טערישע אָנפירער, וועלכע האָבן שטאַרק געגלויבט אין די אידישע פיאיגקייטן צוצושטעלן שפּייז פאַר דער אַרמיי.

בעת דער אידנטום אין שפּאַניע האָט אַרויסגעגעבן גייסטיקע ריזן אויפן געביט פון אידישער פילאָזאָפיע, מעדיצין און דיכטונג און געהאַט איר גאָלדענע תקופה בלויז איין דור פאַר רש״י׳ן, איז דער גייסטיקער לעבן אין צענטראַל־אייראָפּע, וואו ס׳האָבן זיך געפונען גאָר גרויסע אידישע קהלות, געווען זעהר אָרעם, כאָטש אין פאַרגלייך מיטן אַרומיקן קריסטלעכן לעבן, איז דער אידישער גייסטיקער מצב דוקא געווען גאָר אַ געהויבענער.

דער עקאָנאָמישער מצב איז אָבער געווען א צופרידנשטעלנדיקער. אין די געגנטן ארום לאטערינגען, שאמפאניע און ריינלאנד, האָבן אידן זיך באשעפטיקט מיט אלע צווייגן פון מסחר און אינדוסטריע, און פיל פון זיי זיינען אפילו געווען גאנץ רייך.

דער סאָציאלער מצב איז אויך געווען צופרידענשטעלענדיג, און אידען און קריסטן האָבן זיך גאנץ פרידלעך צוזאמענגעלעבט. די פאר'סמ'נדיקע אגיטאציע פון די גלחים האָט זיך שוין אפילו געהאט פארשפרייט איבער יענע געגנטן, אָבער קיין גרויסע השפעה אויף די ברייטע קריסטלעכע מאסן האָבן זיי נאָך דאמאלט ניט געהאט.

אויך אין טרוא האט זיך אידען גוט געלעבט. אידען האבען זיך דארטען באשעפטיגט א חוץ מיט מסחר אויך מיט פארפלאנצען וויינגערט־נער, און אין דעם האבען זיי געהאט גאר גרויס הצלחה.

די איצטיגע פראנקרייך איז דאמאלט געווען צעטיילט אין קליינע מלוכה'לעך, וואס זיינען באהערשט געווארען פון הערצאָגן, באראנען און גראפען. יעדע איינע האט געריסען צו זיך, און אלע צוזאמען זיינען זיי געווען אפגעשוואכט און מיט זיך ניט פארגעשטעלט קיין מאכט. די גרעסטע מלוכה צווישען זיי איז געווען שאמפאניע,, און טרוא איז דאמאלט געווען איר הויפטשטאדט, האבענדיג א באפעלקערונג פון בלויז צעהן אדער צוועלף טויזענד נפשות. דארטען פלעגען אויך פארקומען די הויפט יארידן אויף וועלכע די אידען האבען געשפילט גאר א גרויסע ראָל.

רש"י, וועלכער איז פון זיין קינדהייט אָן געווען א גרויסער באָאָב־אכטער און זיך צוגעקוקט צו אלץ וואס גייט ארום אים אָן, האט פון די דאָזיגע יארידען זעהר א סך געלערנט. אהין פלעגען קומען אידען פון אי־טאליע און פון שפאניע, און אפט האט ער אפילו אנגעטראפען איינצעלנע אידען פון ארץ ישראל. פון זיי האט ער זיך דערוואוסט וועגען דעם מצב פון די אידען אין די סאמע ווייטסטע לענדער, זיך באקענט מיט זייערע מנהגים און פירונגען, און אויך דערווארבען גרויסע ידיעות אין פארשידענע מינים האנד־אויסארבייטונגען און ווערקצייג.

רש"י דערציילט אָפט וועגען די מנהגים אין זיין שטאדט, און אזוי שילדערט ער ווי די סוחרים פון טרוא האבען געהאט א מנהג זיך צונויפצו־זאמלען איינמאָל א יאהר און פראווען א גרויסע סעודה מיט לויבגעזאנגען.

ער שילדערט אויך זעהר קינסטלעריש די יארידן, און מאלט מיט קלארע פארבען דעם טרויעריגען עקאנאמישען מצב פונם ארימאן אין די גרויסע שטעדט, וואו אלץ איז צוליב די אנגעפארענע געווען מיט גאלד צוגלייך.

אין יענער צייט איז טרוא געווען די פארבינדונג־שטאדט צווישען די שכנות׳דיגע מלוכה׳לעך און טיילווייז אפילו צווישען די שכנות׳דיגע לענדער, ווי דייטשלאנד, פלאנדערן און איטאליע. אזוי ארום איז דעם יונגען רש״י אויסגעקומען צו זיין אין מיטעלפונקט פונם אידישען לעבען, און זיך צו באגעגענען פנים אל פנים מיט די סאמע אנגעזעהענסטע פארשטייער אירע.

די גייסטיקע סביבה אין יענער תקופה איז פאר רש״י׳ן געווען א גינסטיקע, ווייל כאטש דער אידענטום אין שפאניע איז געשטאנען אויף א סך העכערער גייסטיקער מדרגה, האבען זיך אבער אין צענטראל־איראפע שוין געפונען א היפשע צאהל תורה־צענטערס, וואס האבען אויסגעאיבט א גרויסע השפעה אויפן דארטיקן אידישען לעבען.

דער גרעסטער פון די דאזיקע צענטערס איז געווען די ישיבה אין מאינץ (מאנענצא, מעץ), אנגעפירט פון דעם מאור הגולה, רבנו גרשום בן יהודה. זיין רבי איז געווען רבנו יהודה בן מאיר הכהן, דער תלמיד פון רבנו נתן הבבלי וועלכער איז געווען איינער פון די פיר געפאנגענע משולחים פון דער ישיבה דסורא אין בבל. די דאזיקע פיר משולחים ר׳ משה בן חנוך, שמריה בן אלחנן, ר׳ חושיאל, ר׳ נתן בן יצחק הכהן, האבען נאכדעם ווי זיי זיינען אויסגעלייזט געווארען פון געפאנגענשאפט דורך די אידען פון שפאניע, זיך פארשפרייט איבער די ווינקעלעך פון דער דאמאלסטיגער וועלט און גע־גרינדעט ישיבות אין אפריקע, שפאניע און פראנקרייך. ר׳ נתן האט געגרינ־דעט א ישיבה אין נארבאן און אויך אין פראוואנס, וואו רבנו גרשום איז געווען א תלמיד ותיק.

רבנו גרשום האט אין זיין פריסטער יוגענט אויסגעוואנדערט קיין מאינץ, און באלד האבען זיך ארום איהם ארומגעקליבען גאר א גרויסע צאל תלמידים, צווישען זיי א סך פון גאנץ ווייטע לענדער. די איבריקע ראשי הישיבה זיינען געווען די אזוי גערופענע „חכמי לותיר״ — די תלמידי חכמים פון לאטערינגען: זיין אייגענער ברודער רבי מכיר בן יהודה, און רבנו יוסף בן שמואל, מחבר פון „סדר תנאים ואמוראים״, „הלכות דרב יהודאי גאון״, און „שאלת גאונים קדמונים.״

מיט דעם אויפקום פון דער ישיבה אין מאַינץ, האָט זיך אָנגעהויבען א גרויסער אויפשוואונג אין לימוד התורה. דערצו האט אויך מיטגעהאָלפען די פריינטלעכע באציאונג מצד דער מלוכה, וועלכע האט געזארגט פאר דער פארשפרייטונג פון בילדונג צווישען אידען. דער קעניג פון דער פראנקישער מלוכה, קארל דער גרויסער, האט נאָך פאר רבנו גרשום אראָפּגעבראכט א אידישען געלערנטען, ר׳ קלונימוס, פון איטאליע און איהם באזעצט אין מאינץ דארטען צו עפענען א ישיבה.

די השפעה און אויטאָריטעט פון רבנו גרשום איז געשטיגען אזוי הויך, אז ער האט אין די אייראפּייאישע לענדער געשפּילט די זעלבע ראָל וואס רב האי גאון אין בבל. ביז רבנו גרשום איז דער גאון אין בבל געווען די העכסטע אינסטאנץ אין רעליגיעזע פראגען. דארטען, אין בבל, איז געווען דער מרכז רוחני, דער גייסטיקער צענטער, פון וועלכען דער אידענטום איבער דער גארער וועלט האט געצויגען זיין יניקה. פון דאָרטען ארויס איז געקומען יעדער פסק דין, און דארטען האט מען געענטפערט אויף יעדער שאלה און ספקות. מיטן אויפשטייג פון רבנו גרשום איז די אויטאָריטעט פונם גאון אין בבל פאקטיש ניט געמינערט געווארען, אבער די אידישע קהלות אין פראנקרייך, איטאליע און דייטשלאנד האבען זיך גערן פארווענדט מיט זייערע שאלות־תשובות צו רבנו גרשום און אנגענומען זיין ענטפער פאר ענדגילטיק. אזוי האט רבנו גרשום איינגעפירט דעם חרם, אז א איד זאל ניט טאָרן נעמען מער ווי איין פרוי, כאָטש די מאָדע איז דוקא דאמאלט געווען צו האבען עטליכע ווייבער. די אידען אין צענטראל אייראפּע האבען איהם אזוי געשעצט און געאכטעט, אז זיי האבען גערן מקבל געווען אויף זיך יעדע הארבע תקנה וואס ער האט איינגעפירט.

נאָך דער פּטירה פון רבנו גרשום, איז די ישיבה אין מאינץ נאך אלץ פארבליבען ביי איהר פריערדיקער גרויסקייט, ווייל די תלמידים זיינע, רבי שמעון בן יצחק, רבנו יעקב בן יקר, רבי יצחק בן יהודה און רבנו יצחק בן אלעזר הלוי, זיינען אַלע געגאַנגען אין די דרכים פון זייער גרויסען רבי׳ן און האבען ווייטער ממשיך געווען די אייגענארטיקע שיטה אין לימוד.

דער גייסט איז געווען א ריין פוריטאנישער, און דער לימוד איז באשטאנען הויפּטזעכליך פון גמרא וועלכער איז געשליפען געווארען מיט גאָר באזונדערער התמדה.

די אראמעאישע שפראך אויף וועלכער די גמרא איז געשריבען, איז צווישען די אידען אין בבל נאך געווען הערשנדיק. גאר א סך האבען זיך נאך אויסגעלעבט אין דער דאזיקער שפראך, און ממילא איז זיי געווען לייכטער צו פארשטיין דעם אויבענאויפיקן פשט פון דער גמרא. אין אייראפא אבער איז די אראמעאישע שפראך מעהר ניט געווען קיין לעבעדיגע. אין א סך געגענטן פון צפון פראנקרייך איז די שפראך געווען לחלוטין פארפרעמד, און א סך אויסדרוקן אין דער גמרא זיינען ממילא געווען אומפארשטענדליך. מ׳האט זיך שטארק גענויטיקט אין אן איבערזעצער, אין א ווערטערבוך אדער מפרש וואס זאל אט די אלע שווערע און אומפארשטענדליכע אויסדרוקן דערקלערן און פארטייטשן.

די דאזיקע שווערע ארבעט האבן אויף זיך גענומען די תלמידים פון רבנו גרשום, וועלכע איז, אגב, געווען דער אנהויב פון דער גרויסער ארבעט וואס רש״י האט שפעטער אזוי שלמות׳דיק דורכגעפירט. זיי האבען זיך קודם כל פארנומען אויסצוגלייכן די פארשידענע נוסחאות און זיי מפרש זיין. א חוץ דעם האבען זיי געפרובירט פארשטענדלעך מאכען דעם תנ״ך צו די ברייטע אידישע מאסן.

די ארבעט פון מפרש זיין דעם תנ״ך אויף די יסודות פון גראמאטיק און פילאלאגיע, האבען הויפטזעכלעך געטאן די צוויי ברידער רבי מנחם בן חלבו און רבי שמעון בן חלבו קרא. דער ערשטער האט זיך אפגעגעבען מיטן פארטייטשן די פסוקים פון תנ״ך אויף א גאר פשוטן אופן. ער האט אזוי אנגעשריבען חבורים אויף גאנץ תנ״ך, אבער צו אונז האבען זיי ניט דערגרייכט. מיר האבען בלויז שטיקלעך און ברעקליך פון זיינע „פתרונים״ צעזייט און צעשפרייט איבער די ווערק פון זיין פלימעניק, ר׳ יוסף קרא, און פון רש״י, וועלכער האט עס טאקע פון איהם איבערגענומען.

דער צווייטער ברודער, ר׳ שמעון קרא, האט זיך אפגעגעבען מיט דרוש, און פון איהם האבען מיר דעם ,ילקוט שמעוני״ — א זאמלונג פון מדרשים און אגדות אויף תנ״ך וואס איז זער פאפולער.

דער אופן פון מפרש זיין אלץ על פי דרש, איז געווען טראדיציאנעלהייליג, און עס האט זיך געפאדערט גרויס געוואגטקייט און ווייטע ווייזיע אפצוטרעטן פון דעם דאזיקן וועג. אין שפאניע איז עס שוין קיין נייס ניט געווען מ׳זאל פארטייטשן פסוקים וועדליק דעם געוויינטלעכן פשט. ס׳איז אפילו

פאראן א סברא, אז אין פראנקרייך האט שוין געהאט געווירקט איינער א מפרש, ר׳ עזריה, וועלכער האט אויסגעטייטשט די תורה על פי פשט. ער ווערט אפילו דערמאנט אין רש״י׳ם מאנוסקריפט אויף איוב, אבער דאס איז אלץ בלויז סברא. א זיכערער פאקט איז נאָר אז ר׳ מנחם בן חלבו איז געווען דער סאמע ערשטער וואס האט געשאפן א פירוש על פי פשט, און ער האט, קאָנטיק, ארויפגעלייגט דעם חותם אויף דער שאפונג פון רש״י.

רש״י׳ס ארבעט איז אבער ניט געווען קיין צופעליגע און האלבע. ער האט ניט נאכגעפאלגט די ישיבה־טראדיציע צו שאפן קונטריסים וואס זאלען אנטהאלטען בלויז די רייד און חידושים פון די רביים, חברים און פריהערדיגע מפרשים. ער האט דאס אלץ געטאן, אלץ צוזאמענגענומען און צונויפגעקליבען, און אין דארין אריינגעגעבען זיין אייגענע שאפונג, זיין אָר־גינאליטעט און אייגענארטיגקייט, זיין גייסט און וויסען, זיין שפּראך און סטיליסטיק, זיין בקיאות און חריפות, זיין פאלקסטימליכקייט און פשטות.

רש״י האט געשאפען א פולשטענדיג ווערק, וואס האט אויף א שלימות׳דיגען אופן קלאָהר און בולט ארויסגעבראכט דעם גייסט פון דעם ים התלמוד. ער האט זיך באנוצט מיט אלץ און מיט אלעמען, און דאָך געשאפען עפּעס אזוינס וואס איז דורכאויס ניי, ניי הן אין פאָרם ניי הן אין אינהאלט און ניי הן אין פשט.

רש״י׳ס גרויסקייט אין זיין קאָלאָסאלער ארבעט איז ניט דוקא דער אויפטו, נאָר אין דער ווירקונג וואס ער האט געהאט אויפן אידישען פאלקס־לעבען. ער האט ממש אויפגעשטעלט תחית המתים, ווידעראמאל באלעבט דעם אידישען גייסט, ווידעראמאל באלעבט די אידישע קולטור און ווידעראמאל באוואָרט און אויפגעהיט דעם „שלא נשתכח תורה מישראל״ — די תורה זאל ניט פארגעסן ווערן פון ישראל.

די פאָלקס לעגענדע מאָהלט רש״י׳ן ווי א נע׳ונד׳ניק און ארומוואנ־דערער איבער אייראפא, אזיע און אפריקא. ס׳ווערט דערציילט אז רש״י האט באזוכט ארץ ישראל, בבל, פערסיע, מצרים, גריכענלאנד און אויסגעווען אין אלע ישיבות און תורה־צענטערס פון דער גאָרער וועלט. די לעגענדע דערציילט אפילו, אז רש״י האט זיך געטראָפען מיטן רמב״ם בעת דער פאקט איז, אז דער רמב״ם האט געלעבט בערך א האלבען יאהרהונדערט שפּע־טער פון רש״י. אַן אנדער פאָלקס מעשה׳לע דערציילט, אז רש״י האט חתונה געהאט אין פראג, און אויך דאָרטען נפטר געוואָרען.

די דאָזיגע דערציילונגען זיינען פשוטע לעגענדען, פארטראכט אין דער פאַנטאַזיע פון די פאָלקסמענשען, וועלכע האָבען רש״י׳ן געליבט און פארגעטערט. דער אויטענטיש-געשיכטליכער פאקט איז, אַז רש״י איז געשטאָרבען אין טרוא, די שטאָדט אין וועלכער ער איז געבוירען געוואָרען.

רש״י׳ס פאטער, ר׳ יצחק, איז געווען אַן איש תמים, פרום און ער־ליך ביז גאר, אבער פון די גרויסע למדנים איז ער, קאנטיג, ניט געווען. רש״י דערמאָנט איהם אַפילו מיט גרויס דרך ארץ און זאָגט (עבודה זרה ע״ה): לשון אבאָ מורי, מנוחתו כבוד, והוא נראה בעיני — מיין טאטע, עהרע זיין רוה, פארשטייט עס אזוי און עס געפעלט מיר. ס׳איז אפילו פאראַן א סברא, אז מיט דעם ר׳ יצחק מיט וועמען רש״י הויבט אַן זיין פירוש אויף תורה, האט ער געמיינט זיין אייגענעם טאטען.

רש״י׳ס משפחה איז אבער געווען א יחוס׳דיגע און לומדישע. זיין מאמע׳ס ברודער ר׳ שמעון הזקן, איז געווען איינער פון די סאמע אנגעזע־הענסטע תלמידים פון רבנו גרשום, און עס איז געווען א דאנק זיין השפעה וואס רש״י איז אויסגעוואקסען א גדול בתורה.

פון זיין טאטען האט אבער רש״י איבערגענומען דעם פיינעם כאראק־טער, די סבלנות און גוטסקייט, און דערפאר, משמעות, האט רש״י צוגעגע־בען צום אייגענעם נאמען אויך זיין טאטענ׳ס נאמען.

געבוירען געווארען איז רש״י אין יאהר דת״ת 1040, אבער דעם גענויעם טאג ווייסט מען ניט. ביי אידען האט מען ניט פארצייכענט דעם געבורטסטאג נאר דעם יום הפטירה. אויך ווייסט מען גאנץ ווייניג וועגען זיינע ערשטע קינדעריאהרען, סיידען מען זאל זיך רעכענען מיט די פיעלע מעשיות און לעגענדען. ס׳איז אָבער זיכער, אז צו אַכטצעהן יאָהר האָט רש״י חתונה געהאט און, ווי דער שטייגער איז דאמאלט געווען, תיכף נאָך דער חתונה אוועק אין דער פרעמד לערנען תורה.

די ערשטע ישיבה איז געווען אין ווארמס, און דארטען האט ער גע־לערענט פריהער ביי רבי יעקב בן־יקר און דערנאך ביי רבי יצחק בן ר׳ אליעזר הלוי. רש״י האט אין יענער ישיבה געליטען גרויס נויט, און איז אָפט ארומגעגאנגען א הונגעריגער און אין צעריסענע קליידער. זיין גרויסע התמדה האט עס אבער ניט געשטערט, און ער האט גאר גיך פארנומען דעם סאמע חשובסטען ארט צווישען די ישיבה בחורים.

פון ווארמס איז רש"י געפארען אין דער ישיבה פון מאינץ, און זיין רבי דארטען איז געווען רבי יצחק בן יהודה, דער תלמיד פון רבי אליעזר הגדול. אין דער מאינצער ישיבה האט נאך דאמאלט געלעבט דער גייסט פון רבנו גרשום, און זיין שטה אין לערנען איז פינקטליך נאכגעפאלגט געווארען.

פון מאינץ איז רש"י געפאהרען קיין אשפירא (שפייער), און זיין רבי איז דארטען געווען ר' אליקום. ס'איז א סברא אז רש"י האט אויך באזוכט עטליכע קלענערע ישיבות, אבער לאנג האט ער זיך אין זיי ניט אויפגעהאלטען. צו פינף און צוואנציג יאהר האט ער פארלאזען די ישיבות, און זיך צוריקגעקעהרט אהיים קיין טרוא צו זיין פרוי און משפחה.

טרוא איז דאמאלט נאך געווען דער קרייצפונקט צווישען די שכנות'דיגע לענדער, אבער רש"י האט די שטאדט גאר גיך פארוואנדעלט און באריהמט געמאכט אלס גרעסטען תורה־צענטער. יונגעלייט האבען פארלאזען די אנדערע ישיבות, און געקומען אין דער ישיבה אין טרוא וואס רש"י האט געגרינדעט.

רש"י איז אויך אויפגענומען געווארען אלס שטאדט־רב, אבער קיין שכירות האט ער ניט געקראגען. בעת ער האט אנגעפירט מיט דער גיך וואקסענדיגער ישיבה, געווען שטאדט־רב און געענטפערט אויף שאלות־תשובות וואס מען האט צו איהם געשיקט פון נאהענט און ווייט, האט ער אויך פארוואלטעט מיט א שטיקעל וויינגארטען און אנגעפיהרט מסחר מיט שאמפאניער. קיין עושר איז ער דערפון ניט געווארען, און האט זעלטען ווען געהאט אויף חיונה. רש"י האט ביים וויינגארטען געארבעט שווער און ביטער, און דאך האט אפט ביי איהם אין הויז אויסגעפעהלט א שטיקעל טרוקען ברויט. רש"י האט אבער די ארבעט ניט אויפגעגעבען. צוויי זאכען האט ער געליעבט מיט אומבאגרענעצטער ליידענשאפט: תורה און מלאכה.ביידע זאכען האט ער מיט אהבה און יראה אפגעהיט.

רש"י'ס שיעור זאגען אין דער טרואר ישיבה, האט צוגעצויגען הונדערטער תלמידים און אט די דאזיגע תלמידים האבען דערנאך פאנאנדערגעטראגען זייער רבינ'ס טייטשונגען איבער אלע ווינקעלעך פון דער וועלט.

רש"י האט נאך אין זיינע קינדער יאהרען קולטיווירט זיין שארפען מח און טיפע תפיסה, און מיט דעם וואוקס פון זיין עלטער איז אויך געוואקסען זיין לאגיק און פארשונגס־גייסט. פאר איהם איז געווען וויניג זיך צו באקענען מיט אלע פריהערדיגע מפרשים, נאר ער האט אויך געוואלט

דערגיין דעם מיין און געדאנק. כדי דאס דאָזיגע צו דערגרייכען, האט ער זיך באַצייטענס פאַרטיעפט אין דקדוק און אפילו געשטודירט מאַטעמאַטיק און אַנדערע וויסענשאַפטען.

ווען ער האט נאָך אליין געלערענט אין די ישיבות פון ווארמס און מאינץ, האט ער שוין אָנגעהויבען צונויפקלייבען און פאַרנאָטירען אלע פירושים און „קונטרסים" וואס זיינען געווען בנמצא און אויף זיי געמאכט זיינע אייגענע אנמערקונגען און פאַרגלייכונגען. די דאָזיגע ארבעט זיינע האט ער דאמאלט געטאן בסודי סודות, ווייל ער איז ניט געווען זיכער ביי זיך צי די אנמערקונגען זיינען טאקע אָריגינעלע. מעגליך אויך אז ער האט פשוט ניט געוואָלט מען זאל זיך דערוויסען וועגען זיינע אויפטהואונגען. ער איז געווען א גרויסער עניו און זיך געהאלטען צו קליין און יונג ארויסצוקומען אין דער עפענטליכקייט מיט א ווערק וואס מאכט צונישט די מיינונגען און טייטשונגען פון א סך פון די פריהערדיגע גדולי התורה.

ערשט ווען ער איז געוואָרען פינף און צוואנציג יאָהר אלט און זיך שוין געהאט פולשטענדיג איבערצייגט אין דער אָרגינאַליטעט פון זיינע הערות און פאַרגלייכונגען, האָט ער זיך פּערמאַנענט באַזעצט אין זיין געבורט־שטאָט און דאָרטען אָנגעהויבען איבערגעבען די פיעלע תלמידים זיינע די שאַפונגען און אויפטואונגען.

ווען די רבנים אין די גרויסע אידישע קהלות האָבען זיך באַקענט מיט זיינע ערשטע ווערק, האבען זיי איהם תיכף אנערקענט פאר אַן אויטאָריטעט און זיך אנגעהויבען צו איהם פארווענדען מיט אלע זייערע שאלות ותשובות.

רש"י האט זיך, אייגענטליך, ניט געאיילט מיט דער פאַרעפענטליכונג פון זיינע פירושים. ער האט פריהער עטליכע מאָהל גוט רעווידירט און רעדאַקטירט זיין שאַפונג ביז ער האָט זיך אָהן ווּעלכער עס איז ספקות איבערצייגט, אז ער האט פאר זיך א כלי מתוקן, א פולשטענדיגע און נוצליכע שאפונג.

דעם ערשטען „קונטרס" האט רש"י אנגעהויבען צו שרייבען בעת ער איז געווען א תלמיד אין דער ישיבה פון ווארמס. עס איז דאמאלט געווען דער שטייגער פאר א תלמיד ותיק צו פאַרצייכענען די פירושים פונם ראש הישיבה. דער דאָזיגער מנהג איז געווען געבויט אויף אַן איינפיהר פון רבנו גרשום, אזן אודאי האָט רש"י נאָכגעפאָלגט דעם מנהג און אָנגעהויבען שאפען אַן אייגענעם קונטרוס. זיין שאפונג איז אבער געווען אנדערש:

ער האָט זיך ניט באַנוגענט בלויז מיט דעם וואָס זיין רבי האָט אין דער ישיבה דערקלעהרט, נאָר האט זיי אויף זיין אייגענעם אופן גערייניגט און געלייטערט. ער האט פארריכט די גרייזען, פארגליכען איין קונטרוס מיטן אנדערען, און צוגעשטעלט צו דעם זיינע אייגענע הערות און טייטשונגען.

אָנקומענדיג אין דער ישיבה פון מאינץ, האט רש״י שוין געהאט גרייט זיינעם אן אייגענעם קונטרוס וואס איז געווען אנגעפילט מיט אריגינעלע גע־דאנקען און פירושים. דארטען, אין מאינץ, האט ער פארפערטיגט א צוויי־טען קונטרוס, און ווען ער איז געקומען אהיים און אליין געווארען א ראש הישיבה, האט ער זיך גענומען צו דער דריטער און לעצטער אויסגאב אין וועלכער ער האט שוין געהאט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון אנט־וויקלונג און שלימות׳דיגקייט.

געשאפען האט ער דעם דאָזיגען קונטרוס בעת ער האט געלערענט מיט זיינע פיעלע תלמידים און געקומען פנים אל פנים מיט די שווערינקיי־טען פון פארטייטשען זאכליך און לאָגיש געוויסע שטעלען אין תלמוד. אגב האט ער זיך דערזעהן געצוואונגען צו מאכען די דערקלעהרונגען און פאר־טייטשונגען פשוט און לייכט כדי זיינע תלמידים זאלען עס בעסער פארשטיין און לענגער געדענקען. אזוי ארום איז זיין פירוש געווארען דער פאלקס־טימליכער און פשוטער, דער קלאָהרער און סטיליסטישער.

זיינע תלמידים זיינען געווען פון ארבע פנות העולם, און אלע האבען זיי געשטראמט צו רש״י׳ן דערפאר וואס ער איז גיך באריהמט געווארען אלס א גוטער מסביר און קאָמענטאַטאָר. די אלע תורה־דורשטיגע וואנדע־רער האבען שוין פון פריהער געהאט באזוכט ישיבות אין אנדערע פראָווינ־צען און לענדער, אבער ווען זיי האבען זיך דערוואוסט פון רשי״ס אייגענ־ארטיגען מעטאָד אין לערנען, האָבען זיי פאַרלאָזען די אלטע ישיבות און אוועק אין טרוא, אין דער ישיבה פון רש״י. א דאנק דער גרויסער צאָהל תלמידים זיינע, האט רש״י דערלערענט א סך פרעמדע שפראך־עלעמענטען מיט וועלכע ער האט זיך באנוצט אין זיינע פירושים.

ווען רש״י איז אלט געווען בלויז דרייסיג יאהר, איז זיין ישיבה שוין געווען פאקטיש דער איינציגער תורה־צענטער אין די אייראפעאישע לענדער. די ישיבות אין לאטרינגען זיינען דאמאלט אונטערגעגאנגען, און רש״י איז פארבליבען דער איינציגער יורש און ממלא מקום.

אין זיין ישיבה האט געהערשט פולע אקאדעמישע אויטאָנאָמיע, און

די תלמידים זיינע האבען ניט בלויז אָפט געהאט ויכוחים מיט איהם נאָר האבען זיך אפילו דערלויבט צו פסק'ענען א דין אין זיין געגענווארט, וואס איז אין יענער צייט פאררעכענט געווען אן אומכבוד און זעהר ראדיקאל.

רש"י האט מיט זיין ישיבה געלייגט דעם יסוד פארן תורה־לערנען אין אייראָפּא, און זיינע תלמידים זיינען שפּעטער געווארען די הויפּט אויטארי־טעטען אין דעם לימוד התלמוד. ווען דער פראנצויזישער תורה־צענטער איז אונטערגעגאנגען, האבען די תלמידים זיינע אויפגעבויט נייע צענטערס אין אנדערע לענדער.

אויף די עלטערע יאהרען האט רש"י דורכגעלעבט זעהר שווערע און ביטערע טעג. רש"י איז דאמאלט שוין געווען קראנק און שוואך, דאָך האט ער אנגעהאלטען די אנגעשטרענגטע ארבעט פון זיין א ראש הישיבה. אומ־דערטרעגליך זיינען אבער זיינע ליידען געווארען ווען אויף די אידען האט זיך אָנגעטראָגען דער אומגליק מיט די נושא הצלב, די קרייצציגער.

אין יאהר 1095 האט דער פּויבסט אורבאן דער צווייטער אויפגע־רייצט די קריסטען זיך אוועקצולאָזען מיט געוועהר אין די הענד קיין ירושלים און אפּצונעמען פון די טערקישע מאכטהאבער יעזוס'עס קבר. זיין רוף האט גיך געפונען אן אפּקלאנג אין די הערצער פון הונדערטער טויזענטער קריסט־ליכע פאנאטיקער, וועלכע האבען זיך ארגאניזירט אין א קרייץ־צוג אויסצו־ראטען די מאכמעדאנער. געליטען האבען אבער ניט די מאכמעדאנער, נאָר די אידען.

דער אידישער לעבען אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד איז דוקא אין יענער צייט געווען לפי ערך נאָך א צופרידענער. אמת, זיי זיינען ניט געווען קיין גלייכגעשטעלטע בירגער, אבער דאך זיינען זיי געווען באשיצט און אפילו געהאט געוויסע פּריווילעגיעס זיך צו פארטיידיגען אין א פּאָגראָם. דער ערשטער אָנהויב פון קרייץ־צוג האט שוין חרוב געמאכט דאס גאנצע אידישע לעבען דאָרטען. גייענדיג אויסראטען די מאכמעדאנער, האבען זיי דערווייל אויסגעראטען צענדליגע אידישע קהלות און אומגעבראכט צענדלי־גער טויזענטער אידישע נפשות.

אין פראנקרייך זיינען די קרבנות ניט געווען אזעלכע גרויסע, ווייל כאָטש דער קרייץ־צוג האט זיך לכתחילה ארגאניזירט אויפן פראנצויזישען באָדען, זיינען די אידען דאָך באשיצט געווארען דורך די הערשענדיגע פּרינ־

צען און אפּטֿ אפילו דורך די איינפלוסרייכע גלחים. אין אנדערע לענדער אבער איז די אידישע שחיטה געווען א גרויסע און גרויזאמע.

אין א סך דייטשע שטעדט זיינען אידען געצוואונגען געווארען זיך צו שמד'ן, און אזוי ווי דער רוב האט זיך אפּגעזאגט איז מען אומגעקומען על קידוש השם. אין טראָווים האבען די אידישע פרויען און מיידלעך זיך ארומגעבונדען מיט שטיינער און זיך אריינגעווארפען אין וואסער אבי אויסצומיידען שאנד און שמד. אין ווארמס און אין מאינץ האבען אידען געפּרובירט זיך פארטיידיגען, זיינען זיי אלע אומגעקומען. א קליינע גרופּע אידען האבען לכתחילה געפונען שוץ ביים בישאָפ אונטער דעם דרוק פון די קרייצציגער, האָט זיי אָבער דער בישאָפ פאַרראַטען און געפאָדערט זיי זאָלען זיך אלע שמד'ן. די אידען האבען זיך אפּגעבעטען אויף א פּאָר טעג זיך מיישב צו זיין, און ווען די צייט איז פאַראיבער האָט דער בישאָפ זיי אלעמען געפונען טוידט. זיי האבען זיך אליין איינער דעם אנדערען דערמאָרדעט אבי זיך ניט צו שמד'ן.

גאָר א גרויסע צאהל אידען האבען ניט געהאט דעם מוט זיך צו דערמאָרדען, און זיך מאסענווייז אויסגע'שמדט. ערשט שפּעטער ווען קעניג העינריך דער פירטער האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים פון דער מלחמה מיט איטאליע און זיך אפּגערעכענט מיט די פאררעטערישע בישאָפען, האבען אידען לייכטער אפּגעאָטעמט און דער גרעסטער צאהל פון די גע'שמד'טע האבען זיך צוריקגעקעהרט צום אידענטום.

רש"י האט אין זיין עלטער אָט די אלע צרות און אומגליקען אליין אריבערגעטראגען. פאר זיינע אויגען זיינען טויזענטער און טויזענטער אומגעקומען על קידוש השם, און עס איז נאָך ביז איצטער א וואונדער ווי אזוי רש"י האט געהאט כח דאס אלץ אריבערצולעבען.

אז די דרויסענדיגע צרות האבען זיך געהאט פארענדיגט, האבען זיך אנגעהויבען צרות און רייסערייען אין די אייגענע רייהען. די אידען וואס זיינען געבליבען טריי זייער אמונה האבען זיך אנגעהויבען צו דערווייטערען פון די וואס האבען זיך געהאט גע'שמדט און דערנאך צוריק געווארען אידען. קיינער האט זיך מיט זיי נישט געוואלט מתחתן זיין אדער האבען וועלבע עס איז מגע משא.

און ווייל רש״י האט געהאט איינזעהעניש מיט יעדען מענשען, האט איהם זיין הארץ ווי געטאן איבער דער אומטאלעראנטער האלטונג. אויף א שאלה צי מען מעג נוצען דעם וויין פון די צוריקגעווארענע אידען, האט ער געענטפערט בזה הלשון:

„חלילה, מיר זאלען זיך אפשיידען פון זייער וויין און זיי פארשעמען. ווארען מיר וויסען, אז זייערע הערצער ציט ניט צו דיענען עבודה זרה מיט וויין. ווען די חכמים האבען גוזר געווען וועגען באריהרטען וויין, איז דאס אלץ בנוגע א געצענדינער אבער ניט געגען א זינדיגען אידען . . . אלץ וואס די אנוסים האבען געטאן, איז געווען צוליב דער מורא פאר׳ן שווערד און ווארטען אויף א מעגליכקייט זיך דערפון צוריק אפצושיידען.״

רש״י איז געווען שרעקליך אויפגעבראכט, און איז שארף ארויסגע־טראטען געגען די דאזיגע וואס האבען פאראורזאכט די אינערליכע רייסע־רייען. ער האט די צוריקגעקעהרטע אידען שטארק מקרב געווען, אבער זיינע פיזישע כחות זיינען דאמאלט שוין געווען שוואך עפעס וואס אויפצו־טאן. און איין ארט באקלאגט ער זיך אזוי:

„מיין געזונד איז שוואך און מיין מויל שטאמעלט. איך קאן ניט אויסרעכענען די זארג וואס פאלען אויף מיר ווי כוואליעס, איינע נאך די אנדערע. מיינע הענד זיינען צו־שוואך צו שרייבען צו מיין פריינד ר׳ עזריאל און צו מיין געליבטען חבר ר׳ יוסף, און מוז דיקטירען צו איינעם פון מיינע נאהענטע צו שרייבען.״

דער רשב״ם דערציילט, אז זיין זיידע, רש״י, איז כל ימיו געווען א שוואכער אין געזונד, און די דאקטוירים האבען איהם באפוילען צו פאר־ברענגען א סך צייט אין באדען זיך. עס איז דאריבער צו באוואונדערען וואס אזא פיזיש־שוואכער מענש האט געקענט אונטער אזעלכע אומגינסטיגע אומשטענדען און אונטער פלאגענישען און יסורים אויפשרייבען אזעלכע גע־ניאלע פירושים אויף תורה און תלמוד.

אין די סאמע לעצטע יאהרען זיינע ווען ער האט מיטגעליטען מיטן כלל ישראל די שחיטות פאראורזאכט דורך די קרייצציגלער, האט ער נאך אלץ אנגעפיהרט א שארפע פאלעמיק מיט די דריי גרעסטע רבנים אין זיין צייט. געהאנדעלט האט עס זיך וועגען א תביעת ממון, וואס ער האט ניט געוואלט א איד זאל פארלירען. רש״י שרייבט דאמאלט צו זיין איידעם, רבנו מאיר, בזה הלשון:

„איך דיין פריינד שלמה בין דיר מודיע אז איך האלט זיך נאך שטארק אין מיין מיינונג. די טענות פון מיינע רביים געפעלען מיר ניט, ווייל זיי ארגומענטירען מיט די ליפען און איך ארגומענטיר מיט מיין הארץ. ווען ניט דער גרויסער אומגליק מיט'ן קרייצצוג וואס איז זיי באפאלען, וואלט איך העפטיגער באשטאנען אויף מיין פסק דין, כאטש זיי זיינען געגען. מיר איז פשוט שווער צו פארניכטען אידיש געלד אין א דין וואס זעהט מיר אויס צו זיין בולט אז עס איז ניט פארבאטען.”

רש״י'ן איז ניט באשערט געווען צו פארענדיגען רוהיג זיין גייסטיגען לעבען. אמת די אידען אין פראנקרייך האבען דאמאלט ווייניגער געליטען ווי די אידען אין דייטשלאנד, האט ער אבער קלאהר געזעהען אנקומען שווארצע וואלקענס פון רעליגיעזען פאנאטיזם. שוין אין זיין צייט האט מען אנגעהויבען צו מאכען בלבולים אויף אידען און זיי פארפאלגען. רש״י האט געזעהען דעם שטורעם אנקומען, און איז ביים אנהויב פון דער שלעכטער צייט נפטר געווארען.

רש״י איז געשטארבען אין יאהר 1105, אין עלטער פון 65 יאהר, אבער זיין ארבייט און שאפונג איז געבליבען לעבען. אפילו די ישיבות האבען זיך דערהאלטען און אויסגעברייטערט. דוקא אין די צרות און לייִדען, האבען אידען געשאפען און געבויט זייער קולטור.

ניט קיין פילאזאפיע, ניט קיין נאטורוויסענשאפט און ניט קיין בעלעטעריסטיק האבען זיי געשאפען, נאר ריינע מענשליכע עטיק און אידייען פארוועבט אין נעטליכקייט און אין קדושה. אומעטום זיינען אויסגעוואקסען ישיבות, אומעטום גרויסע לומדים, באריהמטע רבנים און פענאמענאלע גאונים.

בלויז געציילטע יאהרען נאך רש״י'ס טוידט, איז שוין געווען אויפגעקומען די גרויסע שול פון די „בעלי תוספות”, וועלכע זיינען געווען שארפע אנאליטיקער, טיפע לאגיקער און אנערקענטע געלערענטע. רש״י האט געלייגט דעם יסוד, און זיי, די בעלי תוספות, האבען ווייטער ממשיך געווען דעם תורה־לערנען. קיין צרות און לייִדען האבען ניט געפעהלט, אבער געלערנט האט מען.

די שטאדט טרוא איז פארבליבען אין דער אידישער געשיכטע אויך צוליעב אן עלילת דם אין יאהר 1288 ביי וועלכען דרייצעהן פון די סאמע חשובסטע בעלי בתים זיינען אומגעקומען על קידוש השם. די דאזיגע פא־

סירונג איז פארבליבען פאראייביגט אין א קינה פארפאסט דורך ר׳ יעקב ב״ר יהודה, און אין א קינה, אגב די איינציגע פארפאסט אין פראנצויזיש.

אין 1306 האט די רעגירונג דורכגעפיהרט א גירוש אויף די דארטיגע אידען, און אזוי ארום פארענדיגט די גאָלדענע תקופה אין רש״י׳ס געבורט־שטאדט. שפעטער זיינען איינצעלנע אידען צוריקגעקומען און עס האט זיך ווידעראמאל אויפגעשטעלט א קהלה־לעבען, אבער שוין אָהן דעם אמאליגען תורה־לערנען און אהן רש״י׳ס תורה־גייסט.

די דירעקטע ווירקונג פון רש״י האָט אבער אנגעהאלטען א סך לאנגע דורות און נאך ביים לעבען האָט ער זוכה געווען צו קריגען א שבח והודיה פון זיין רבי׳ן, ר׳ יצחק הלוי: אין הדור יתום שאתה שרוי בתוכו וכמוך ירבו בישראל — דער דור אונזערער איז ניט קיין פאר׳יתום׳טער ווען דו לעבסט אין איהם, און הלואי זאלען זיך אזעלכע ווי דו מעהרען אין ישראל.

דער רשב״ם און רבנו תם

דריטער קאפיטעל

רש״י, האט געהאט דריי טעכטער, און אלע דריי האבען געהייראט בארימטע תלמידי חכמים. אודאי זיינען רש״י׳ס טעכטער אליין אויך געווען וואוילגעלערנטע, און מען דערציילט אפילו אז די עלטסטע טאכטער זיינע, רחל, איז געווען רש״י׳ס סעקרעטארשע און אויך אליין אנגעשריבען א תשובה אויף א רבנישער שאלה. מען דרינגט עס דערפון וואס רש״י זאגט אין זיין ספר הפרדס: „ולכן בתי קראתי״ — און דאריבער האב איך גערופען מיין טאכטער.

א סך היסטאריקער זאגען אבער, אז עס איז א פשוטער טעות הדפוס און ס׳האט באדארפט שטיין: „ולבן בתי קראתי — און איך האב גערופען דעם זון פון מיין טאכטער.״ רחל׳ס זון, ר׳ שמעיה, איז טאקע געווען א גאר גרויסער למדן און האט נאך רש״י׳ס טוידט מסדר געווען אלע כתבים און צו דעם צוגעגעבען אלץ וואס ער האט פון זיין גרויסען זיידען געהערט בעל פה.

רחל האט ניט געלעבט גליקליך מיט איהר מאן, ר׳ אליעזר, און זיך סוף כל סוף גע׳גט. שמעיה איז געווען דאס איינציגע קינד פון דער אומגליקליכער הייראט, האט איהם רש״י גענומען צו זיך און איהם דערצויגען פאר א גדול בתורה. ר׳ שמעיה האט קיינמאהל ניט מוחל געווען זיין טאטען, און דערפאר איהם קיינמאל ניט דערמאנט אין די כתבים און חיבורים. ער האט זיך תמיד אונטערגעשריבען בלויז שמעיה, און ניט שמעיה בן ר. אליעזר.

די אנדערע צוויי טעכטער זיינען געווען זעהר גליקליך אין זייער פאר־הייראטען לעבען. יוכבד האט חתונה געהאט מיט ר׳ מאיר ב״ר שמואל פון ראמעי אבער פון מרים זיינען קאנטיג ניט פארבליבען קיין קינדער. דערפאר

אבער איז איהר מאן, ר' יהודה ב"ר נתן (ריב"ן) געווען א גרויסער גאון און שפּעטער באארבייט אסך כתבים פון רש"י און אפילו פארענדיגט רש"י'ס פירוש אויף מסכת מכות. פון יוכבד'ן זיינען ארויסגעקומען די צוויי גאונים: דער רבנו תם, איינער פון די גרעסטע בעלי תוספות, און דער רשב"ם, וועלכער האָט גע'ירשנ'ט רש"י'ס גרויסקייט און אנגעזעהענקייט, און געהאָלפען ממשיך זיין דאס תורה-לערנען אין יענער תקופה.

צווישען רש"י'ס אייניקלעך האבען זיך אויך געפונען פרויען וואס האבען זיך בארימט געמאכט מיט זייער לומדות. מרים, די טאכטער פון ר' יהודה בן נתן (רבי"ן), האָט זיך קונה שם געווען מיט איהר גרויסער בקיאות אין הלכות כשרות. אנגעזעהענע רבנים האבען געשיקט צו איהר שאלות ותשובות, און אנגענומען איהר פּסק דין פאר ענדגילטיג. אפילו יאהרען שפּעטער, נאָך מרים'ס טוידט, האבען רבנים זיך פאררופען אויף איהרען א פּסק דין און איהם אנגענומען פאר גילטיג.

אן אנדער אייניקעל, חנה, די טאכטער פון ר' מאיר, האט אנגעפירט מיט א מין פרויען-ישיבה וואס האט צוגעצויגען צו זיך הונדערטער תלמידות. בכלל האבען זיך אין רש"י'ס משפחה געפונען א סך פרויען וואס זיינען באריהמט געווארען סיי פאר זייער צדקות און סיי פאר זייער לומדות.

אין דער תלמודיש-רבנישער ליטעראטור זיינען אנגעזעהען, נאטיר־ליך, בלויז די מאנסבילישע אייניקלעך, און צווישען זיי מעהרער ווי אלע דער רשב"ם (רבנו שמואל ב"ר מאיר), און זיין ברודער דער רבנו תם (ר' יעקב ב"ר מאיר). דער רבנו תם איז געווען א סך א גרעסערער גאון פון זיין על־טערן ברודער, דער רשב"ם. דערפאר אבער איז דער רשב"ם געווען א גרע־סערער קענער אין העברעאיש און אין דקדוק, און האט ווי דער זיידע זיינער ארויסגעוויזען גאר גרויסע פעהיגקייטען אין אויסטייטשען און פארטייטשען. דער רשב"ם האט אויך געהאט טיפע ידיעות אין וועלטליכע ענינים, און האט געשטודירט פאקטיש אלץ וואס האט נאָר געהאט א מענשליכען אינטערעס.

מעהרער פון אלץ האט ער זיך אפּגעגעבען מיט דער פאָרשונג פון דער העברעאישער שפראך — א ליבשאפט און איבערגעבענהייט וואס ער האט אין זיך ארייגעזאפּט נאָך פון זיין פריהעסטער יוגענד אָן. די סביבה ארום איהם איז געווען א דורכאויס לומדישע, און עס איז איהם דאריבער געווען לייכט איבערצונעמען די ליעבשאפט פון זיין זיידען צום לימוד המקרא און צו דער פאָרשונג פון העברעאיש.

זיין גרויסע קענטשאפט אין העברעאיש איז איהם טאקע שפעטער א סך צונוץ געקומען אין זיין פירוש אויף תנ״ך, און ווערט מיט רעכט פאר־רעכענט פאר א פיעל גרעסערען בעל הדקדוק ווי רש״י, וועלכער איז בלי ספק אליין געווען א גאון אין שפראכליכער פארשונג.

דער רשב״ם איז געבוירען געווארען אין יאהר 1801, אין דער צייט ווען רש״י, זיין באריהמטער זיידע, איז בלויז געווען אין די פערציגער יארען. די ערשטע דערציהונג האט ער נעקראגען ביי זיין טאטען, ר׳מאיר, וועלכער איז געווען גרויס אין תלמוד און א קענער פון תנ״ך און דקדוק. שפעטער האט ער שוין געלערענט ביים זיידען אין דער ישיבה, און אזוי ארום כסדר געווען אונטער דער השפעה פון רש״י׳ן.

זיין גאונות האט דער רשב״ם ארויסגעוויזען אין די סאמע אינגסטע יאהרען. פיהרענדיג זיינע וויכוחים מיט רש״י׳ן אין ענינים פון הלכה, האט ער ארויסגעוויזען אזא פיינע און געזונטע לאגיק אז רש״י האט איהם אפט געמוזט נאכגעבען און צושטימען צו זיין מיינונג. צוליעב דעם האט די אידישע וועלט תיכף אנגעהויבען קוקען אויף איהם ווי אויף אן אויפגייענדיגען שטערען.

דער רשב״ם איז טאקע שפעטער געווארען א מחולק אויף רש״י׳ן, און אפט מיט איהם ניט מסכים געווען. מען האט שפעטער אפילו דערציילט, אז רש״י האט אויף זיך געזאגט אז אויב ער וואלט געהאט צייט וואלט ער דארפען אויפדאסניי איבערשרייבען זיין פירוש, כאטש דוקא רש״י און ניט דער רשב״ם איז פארבליבען דער באליעבטער פארטייטשער אין אידישען פאלקס לעבען.

דער רשב״ם איז אויך געווען באהאווענט אין פרעמדע שפראכען, און זיך באנוצט מיט דער לאטיינישער איבערזעצונג אויף תורה. ער האט זיך אויך באנוצט מיט די פריהערדיגע מפרשים און מדקדקים ווי ר׳ מנחם בן סרוק, דונש בן לברט, ר׳ מנחם בן חלבו, ר׳ יוסף קרא, און עס איז א סברא אז צו איהם זיינען אויך דערגאנגען די פירושים פון אבן עזרא.

דער רשב״ם האט זיינע פירושים אנטנומען פון די פריהערדיגע מפרשים און הויפטזעכליך טאקע פון רש״י׳ן אליין און דאך איז ער איי־גענארטיג און אריגינעל. ער האט פאר זיך אויסגעטראטען א שפאגעל נייעם וועג, א וועג פון ריינער פשטות אהן א שמץ פון דרש און קבלה.

דער רשב״ם האָט געשריבען א פירוש אויפן צענטען פרק פון מסכת פסחים, אויף א טייל פון בבא בתרא, אויף דער מסכת מכות, אויף מסכת עבודה זרה, און אומעטום האט ער זיך געהאלטען אינם ריינעם פשט, ניט ארייגלאָזענדיג זיך אינם פסק הלכה אדער אין דער מחלוקה. ער האט אפילו אויסגעמיטען אויסצוטייטשען די הלכה, נאָר זיך באנוגענט מיטן אנגעבען דעם טייטש. ער האט ניט אפגעלייקענט דעם ווערט פון דרש, און אפילו גע־ווארענט די משכילים איהם חלילה ניט אויסצוטייטשען צום שלעכטען. אלץ וואס די חכמי התלמוד האבען גע׳דרש׳ענט — האט ער געזאגט — איז נויטיג און אמת׳דיג, נאָר ער אליין האט פריהער פון אלץ געוואָלט פעסט־שטעלען דעם פשוטען פשט.

דער טעקסט פון תלמוד ווערט געטראגען פון צוויי מעכטיגע זיילען, וואס שטייען פוןביידע זייטען: פון רעכטס — רש״י און פון לינקס — תוספות. אָהן די צוויי קאן קיין שום תלמיד חכם זיך ניט א ריהר טהאָן.

דער תוספות הויבט זיך אן מיט דעם רבנו תם (ר׳ יעקב ב״ר מאיר), אן אייניקעל פון רש״י. ער איז געווען א גרעסערער גאון פון זיינע צוויי בארימטע ברידער, און האָט א סך מעהרער צוגעטראָגען צו דעם המשך פון דער ארבייט וואס רש״י האט אנגעהויבען. ער, און נאך איהם די גאנצע גרופע בעלי תוספות, האָבען פארברייטערט און פארטיפט די פירושים אויף דער גמרא.

רבנו תם איז אייגענטליך געווען א גרויסער סוחר, און געפיהרט רייכע געשעפטען מיט דער פראנצויזישער רעגירונגס־אריסטאָקראטיע. ער איז אפילו געווען א מקורב למלכות, און געהאט צוטריט צום קעניגליכען פאלאץ. דאָך האט ער באוויזען זיין גרויסע גאונות אין תלמוד. ער האט ניט בלויז אויסגעברייטערט רש״י׳ס פירוש, נאָר האט אליין צוגעגעבען נייע הוספות און נייע אינטערפרעטאציעס פון א סך א העכערער מדרגה.

דער רבנו תם איז ביי פיעלע פארגליכען געוואָרען צו די אמוראים. דאס וואס זיי האבען אויפגעטאן פאר דער משנה, האט דער רבנו תם אויפ־געטאָן פאר דער גמרא. דער רבנו תם האט ניט געוואלט בלויז קאמענטירען און פארטייטשען, נאָר האָט געזוכט צו שלייפען און קריסטאליזירען, דער־פאָרשען און אנאליזירען, גאר דעם הלכה־מאטעריאל וואס געפינט זיך אין דער גמרא. אָהן דעם תוספות איז נאָך אלץ שווער געווען צו פארשטיין א שטיקעל גמרא מיט רש״י.

דער רבנו תם האָט גע׳ירשנ׳ט דעם סטיל און קורצקייט אין וואָרט פון זיין גרויסען זיידען, רש״י. אויך ער האט ליעב געהאט קורצקייט, און האט אויסגעטאָקט און אויסגעשניצט יעדען וואָרט זיינעם. ער האט זיך אפילו אָפט באנוצט מיט פּלפּול, אבער זיין פּלפּול איז ניט געווען קיין איבערגע־שפּיצטער און ווענט־שפּאַלטענדיגער. דער פּלפּול אליין איז איהם געווען ניט ליעב און האט איהם קיינמאָל ניט גענוצט ווי א צוועק. זיין פּלפּול איז גע־זוען א סיסטעמאַטישער און לאגישער, וואס האט ארומגענומען דעם גאנצען ענין אין זיין פולזייטיגקייט, אפּגעווענדט אלע קשיות, באזייטיגט אלע סתירות, און ארויסגעבראכט קלאָרקייט און פעסטקייט.

רבנו תם האָט זיך אויך אָפּגעגעבען מיט דער פאָרשונג פון דער העב־רעאישער שפּראך, און געשריבען אסך אפּהאַנדלונגען איבער איהר פילאָ־לאָגיע און גראַמאַטיק. אויך די דאָזיגע נויגונג האט ער געהאט בירושה פון רש״י׳ן, וועלכער האט עס פּאַקטיש געמאכט פאר א חק דבר זיך צו פאראינ־טערעסירען מיט דער שפּראכליכער וויסענשאפט. קאָנטיג אויך, אז רבנו תם איז געווען דער סאמער ערשטער וואס האט א סך געוואונען פון לערנען א פרשה „חומש מיט רש״י“.

רבנו תם איז געבוירען געוואָרען אין יאהר 1100, בערך פינף יאהר איידער רש״י איז געשטאָרבען. דער ערשטער קרייץ־צוג איז געווען פאריבער, און אידען האָבען אנגעהויבען צו קומען צו זיך פון די ביטערע איבערלע־בונגען. אין פראנקרייך, וואו אידען האָבען פיעל ניט געליטען, האָט זיך אָנגעהויבען לפי ערך נאָך א רוהיגע און גינסטיגע צייט. די דאמאלסדיגע מלכים, לודוויג דער זעקסטער און לודוויג דער זיבעטער, זיינען געווען גוט צו אידען און זיי אפילו מקרב געווען. די אידישע קהלות האָבען געהאט אויטאָנאָמיע מיט זייערען אן אייגענעם פרנס באשטימט פון דער רע־גירונגס־מאַכט.

די דאָזיגע גליקליכע צייט האָט אבער לאנג ניט אנגעהאלטען, און נייערע, שווערערע און פינסטערע וואָלקענס האָבען זיך אנגערוקט אויפ׳ן אי־דישען לעבען. אין 1147 האָט זיך אָרגאניזירט דער צווייטער קרייץ־צוג צו וועלכען עס איז אויך צוגעשטאַנען דער קעניג לודוויג דער זיבעטער. קיין שחיטות זיינען אין פראנקרייך ניט געמאכט געוואָרען, אבער ביטערניש און פארפאָלגונג האָבען זיי געליטען איבערגענוג. די גלחים זיינען כלומרשט

געווען געגען מאָרדען, אבער האָבען אויסדריקליך געפאדערט מען זאל אי־דען אזוי לאנג פייניגען און באַרויבען ביז זיי וועלען זיך אלע אויסשמד'ן.

דער פויבסט, יעווגעני דער צענטער, האָט מתיר געמאַכט ניט צו צאָהלען צו אידען קיין געלד־חובות און די קלענערע גלחים האָבען מתיר געמאכט פשוט אוועקצורויבען אפילו דעם ביסען פון מויל. די קירכע אין פראנקרייך האָט משפיע געווען אויפ'ן קעניג צו קאָנפיסקירען גאר דעם פאר־מעגען פון אידען. ער איז פונקט געווען אין א גענדריקטער פינאנציעלער לאגע, האָט ער עס מיט דער ברכה פון די גלחים דורכגעפיהרט. ער איז אָבער, קאָנטיג, נאָך אלץ געווען דער מלך חסד, און שטרענג פארבאָטען צו פאר־גיסען אידיש בלוט.

שפעטער־צו האָט מען דעם קעניג'ס פארבאָט פארגעסען, און צוקוי־קענדיג צו די מאַסען שחיטות אין דייטשלאנד האָבען זיי זיך אנגענומען מיט מוט און אויך אָנגעהויבען צו מאָרדען. די פראנצויזישע קרייציגער זיינען ווי ווילדע חיות באפאלען אידישע קהלות און געקוילעט רעכטס און לינקס. אויך דער רבנו תם איז פון זיי געפייניגט געווארען, און בלויז דורך א נס איז ער פון זיי געראַטעוועט געוואָרען.

די קרייציגער זיינען באַפאַלען דעם רבנו תם, איהם געפייניגט און שווער פארוואונדעט און לסוף איהם אוועקגעשלעפט אין די פעלדער איהם צו קרייציגען. פונקט איז דאמאָלס פארבייגעריטען א באקאנטער ריטער, וואָס האָט געהערט צום קעניגליכען אדעל, און ער האָט דעם רבנו תם אפגע־ראטעוועט פאר'ן פרייז פון א טייער יאגד־פערד.

כאראַקטעריסטיש איז, וואס כאטש דער רבנו תם האָט אליין גע־ליטען אוממענשליכע פיזישע יסורים און באַרויבט געווארען פון זיין גאנ־צען רייכטום, איז ער דאָך פארבליבען דער טיפער גלויביגער אינ'ם מענשען. מיט דעם טיפען גלויבען אין א בעסערער מענשהייט, האָט ער געטרייסט זיי־נע נידערשלאָגענע ברידער און זיי געמוטיגט ווייטער אָנצוגיין מיט זייער אי־דיש־גייסטיגען לעבען.

דער רבנו תם האָט דאמאָלט איינגעפיהרט א סך נייע תקנות וואס האָבען געשטאַרקט דעם אידענטום און אויך פארלייכטערט דעם לעבען. די אַנדערע רבנים אין לאַנד האָבען מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך די אחריות פון די נייע תקנות, אבער דער רבנו תם האָט געהאלטען אז דער תיקון העולם און דער קיום העם איז וויכטיגער ווי די אָפּהיטונג פון געוויסע דינים.

„התורה חסה על ממונם של ישראל ואני לא אחוס ולא אורה להתיר — האָט ער געַ'טענה'עט — די תורה רעכענט זיך מיט דער אידישער לאַגע און האָט רחמנות אויף אידישען האָב, און איך זאָל קיין רחמנות ניט האָבען?"

דער רבנו תם האָט אויך צונויפגערופען אסיפות פון די רבנים אין פראנקרייך און אין דייטשלאַנד, און אויף זיי האָט מען געַנוי אָרומגערעדט די אידישע לאַגע און אָנגענומען אַ סך וויכטיגע תקנות אונטער דער דראָ־הונג פון חרם.

די תקנות זיינען ביי אַלעמען שטרענג אָפּגעהיט געוואָרען און דאַ־דורך געבראַכט גאָר גרויסע נוצען בלויז דערפאַר וואָס רבנו תם איז געוועָן די גרויסע אויטאָריטעט און שיינע פּערזענליכקייט.

די תקנות האָבען פאַרבאָטען אידען צו האַנדלען מיט צלמים און געטשקעס, אָדער אפילו אָנצונעמען אַזעלכע מכשירים פאַר משכנות; פאַר־באָטען אָנצוקלאָגען אַ אידען אין אַ קריסטליכען געריכט און פאַרבאָטען צו ווערען אַ קהלה פאַרשטייער מיט דער הילף פון דער רעגירונג.

די תקנות זיינען געוועָן וויכטיג דערמיט וואָס זיי האָבען באַשאַפען אַן ענגערע נאָהענטקייט צווישען אידען און פאַרשטאַרקט די אייגענע אויטאָ־נאָמישע רעכט. זיי האָבען אויך פאַרמיטען אַז גלחים זאָלען קענען רייצען די קריסטליכע מאַסען אונטער דעם אויסרייד, אַז אידען זיינען מבזה זייערע הייליגטימער. עס האָט אויך געטראָפען אַז אַ איד, אַ רודף אחר הכבוד, איז געוואָרען אַ קהילה־פיהרער דורך אונטערקויפען די רעגירונג, האָט די תקנה דערקלעהרט אַז בלויז דער וואָס ווערט דערוויילט ביי אַ מעהרהייט פון די קהלה מיטגלידער קאָן זיין אַ פאַרשטייער.

דער רבנו תם האָט אויך מקיל געוועָן אויף עטליכע דינים בנוגע יין נסך און ריבית, כדי דערמיט מעגליך צו מאַכען פאַר די אידען אין דייטש־לאַנד צו קענען עקזיסטירען. דער האַנדעל מיט וויין איז דאַמאָלס געוועָן דער הויפּט מסחר, און צו לייהען געלד אויף פּראָצענט איז געוועָן אַ אידישע פּרנסה צו וועלכער זיי זיינען געצוואונגען געוואָרען.

דער אידענטום האָט גערען אויף זיך מקבל געוועָן די אָפּהיטונג פון די תקנות, און אַנערקענט די גרויסקייט און אויטאָריטעט פון דער שיינער פּערזענליכקייט, דער רבנו תם.

רש״י אין דער פאָלקס-לעגענדע

פירטער קאפיטעל

מיט פילע צאַרטע פעדים האָט דער איד פאַרוועבט זיין באַליבטען פאַרטייטשער. דער איד האָט זיך ניט באַנוגענט מיט רש״י׳ס גרויסקייט און אויפטו, נאָר האט איהם דוקא געוואָלט באַצירען און באַפּוצען. און ווי דער שטייגער האָבען די פאָלקס מעשות פילע וואַריאַציעס און ווערסיעס, און יע־דע פון זיי האָט איהר מוסר השכל און איהר נס.

אז אַזא גרויסער גאון און פאַרשפּרייטער פון תורה זאָל געבוירען ווערען סתם אזוי זיך דורך א מקרה און צופאַל, איז פאַר דער פאָלקס פאַנ־טאַזיע געווען צו וואכעדיג, עפּעס צו פּשוט און נאַטירליך. און זי האט דאַ־ריבער זיין געבוירען איינגעהילט אין א נעץ פון הערליך־שיינע לעגענדען.

רש״י׳ס טאַטע — דערציילט די לעגענדע — איז געווען א גרויסער אָרימאַן און זעלטען געהאַט א שטיקעל ברויט צו זאַט. געוואוינט האט ער אין א שטאָדט ביים ים, און דאָרטען אין גרויסען פּאָרט פלעגט ער זיך פאַר־דינגען צו העלפען אָנלאָדען די אָפּגייענדיגע שיפען. זיין אַרבייט איז געווען א שווערע, און דער לוין קוים דאָס לעבען צו דערהאַלטען.

ר׳ יצחק איז אבער געווען א גאָטספורכטיגער מענש, און חלילה זיך ניט מתרעם געווען. פאַרקערט, ער איז גאר געווען א שמח בחלקו, און פלעגט תמיד דאַנקען און לויבען זיין ליבען נאָמען פאַרן חסד. בלויז איין שטיקעל צער האָט ער געהאַט: זיין ליב ווייב איז נעבאך געווען אן עקרה און איהם ניט געבוירען קיין קינד.

איינמאָל איז ער אזוי פאַר׳צער׳ט און פאַרקלעמט אוועק צום ברעג ים און געזוכט פאַר זיך אַביסעל אַרבעט. ער איז געגאַנגען פון איין שיף צו דער אַנדערער, פון איין קאַפּיטאַן צום צווייטען, און אין ערגעץ האָט ער

קיין ארבעט ניט געקראָגען. ר' יצחק איז אפילו געווען צובראָכען, וואס אין שטוב וועט היינט ניט זיין קיין שטיקעל טרוקען ברויט. דאָך האט ער זיך געשטאַרקט, און אפּגעזוכט א פארלאָזענעם אָרט וואו ער זאל קענען אומגע־שטערט דאַווענען און אויסגיסען זיין אנגעווייטיגט האַרץ צו גאָט.

און שטייענדיג אַזוי איינגעהילט אין טלית און אויסגיסענדיג זיין בי־טער האַרץ פאר גאָט, האָט פּלוצים עפּעס א לויכט געטאָן פאר זיינע אויגען ווי א מעטעאָר, ווי א זון־שטראל וואלט צו זיינע פיס אראָפּגעפאַלען. ער האָט זיך אין פארוואונדערונג איינגעבויגען, און דערזען א פינקעלדיגען די־מענט די גרויס ווי אן איי.

ר' יצחק איז אויף גיך אוועקגעלאָפען אהיים צום ווייב, און איהר געוויזען די גרויסע מציאה זיינע. ר' יצחק איז אויף די דאָזיגע זאכען ניט געווען קיין גוואַלדיגער מבין. זי אבער, זיין פרוי, איז געווען די טאָכטער פון א צירונג הענדלער און זיך גוט פארשטאַנען אויפן גרויסען ווערט פון געפונענעם דימענט.

ר' יצחק האָט זיך מיט איהר מיטגעפרייט, אבער פון האַרצען האָט זיך דאָך ארויסגעריסען א טיפער קרעכץ:

— צו וואס דאַרף איך די עשירות, אז איך האָב ניט קיין קינד וואס זאָל מיך ירש'נען ? !

ר' יצחק איז טאַקע רייך ניט געוואָרען; ער האָט פארקויפט אלע זיינע חפצים פון שטוב, געליטען הונגער און נויט, און דעם דימענט ניט פאַרקויפט; ער האָט מורא געהאַט מ'זאל איהם חלילה ניט נוצן לדבר עבירה.

די ארומיגע קריסטען האָבען טאַקע ארומגעזוכט אזא מין דימענט, און ניט געקענט געפינען. מ'האָט אין שטאָדט אויפגעבויט א נייעם קלויסטער, און אהין אריינגעשטעלט א נייע „הייליגע מוטער" בלויז מיט איין אויג. ס'האָט געפעלט אַ דימענט אריינצושטעלען אין אנדערן אויג, וואס זאָל זיך פינקטליך צופּאַסען.

האָבען די גלחים זיך דערוואוסט, אז ר' יצחק האָט א טייערען די־מענט, וואס איז אַ זעלטענקייט אויף דער גאָרער וועלט. זיינען זיי צו איהם געקומען און איהם אנגעבאָטען א הון רב, א מטמון מיט געלט, ער זאל זיי דעם דימענט אוועקגעבען.

און אז די גלחים האָבען דערזעהן אז זיי קענען מיט ר׳ יצחק׳ן גאר־ניט אויספירען אז ער איז פּאר׳עקשנ׳ט און וויל באין אופן ניט פארקוי־פען אדער אפּגעבען דעם דימענט, האָבען זיי איהם מיט געוואלט פארשלעפּט אויף א שיף אין מיטען ים און איהם געסטראשעט מיטן טויט.

ר׳ יצחק האָט ניט מורא געהאט פארן טויט; ער וואלט מיט פרייד מקדש השם געווען און זיך געלאָזט אריינוואַרפען אין ים אריין. האָט ער אָבער מורא געהאט אז זיי וועלען איהם א טויטען ארויפברענגען פון וואסער און געפינען דעם דימענט. זעהענדיג אַז ער קען זיך מערער געגען זיי ניט ווערען, האָט ער א כאפּ געטאן דעם דימענט, און מיט צארן אריינגע־שליידערט אין ים אריין.

דאמאָלס האָט זיך געהערט א בת קול: זיי וויסען, ר׳ יצחק, דיין ווייב וועט דיר געבוירען א זוהן וואס וועט באַלויכטען די אויגען פון פאָלק ישראל.

פאראַן נאָך אַן אַנדער לעגענדע, און דאָס מאָל שפּיגעלט זיך די פּאַסירונג אפּ אין דער אַלט־היסטאָרישער שטאָדט ווארמס, וואו רש״י׳ס על־טערן זאָלען האָבען זיך אַריבערגעקליבען נאָכ׳ן צופאל מיט׳ן געפונענעם דימענט.

ר׳ יצחק — דערצעהלט די לעגענדע — האָט געגלויבט אין בת קול, און גענומען שטארק אָפּהיטען זיין ווייב, ס׳זאָל חלילה מיט איהר קיין מכשול ניט טרעפען.

איינמאָל איז זי, שוין א מעוברת׳ע, געגאנגען אין א שמאָל געסל, און איהר איז אנטקעגען געקומען א גרויסע פור אָנגעלאדען מיט א שווערער משא. כדי אויסצומיידען די געפאַר, איז זי אויף גיך אריבערגעלאפען אויף דער צווייטער זייט געסל און ניט באַמערקט ווי אויך פון דאָרטען איז אנגע־קומען א גיך לויפענדיגע קאָרעטע. אט־אָט ווערט זי צעטראָטען צווישען די רעדער פון די צוויי פורן, און דאָ איז אפילו ניטא קיין אָרט וואו זיך צו ראַ־טעווען. די צעשראָקענע פרוי האָט זיך געדרייט אהין און אהער ביז זי האָט זיך א ציטערדיגע צוגעטוליעט צו דער וואַנט.

— זעט נאָר, זעט, ווי זי לויפט אַרום א דערשראָקענע — האָט געלאכט דער פורמאַן.

— זאָל זי שטאַרבען! — האָט געענטפערט דער עלעגאַנטער מאַן אין דער קאָרעטע.

ר׳ יצחק׳ס פרוי האָט ספּאַזמאַטיש אַ געשריי געטאָן, און זיך שטאַר־קער צוגעטוליעט צו דער וואַנט. דיביידע פּורען זיינען זיך צונויפגעקומען איינע אנטקעגן דער אנדערער מיט אזא אימפּעט אז עס האט אויסגעזען ווי די פרוי וועט צוטראַמפּעלט ווערן צווישען די צוויי וועגענער. האָט זיך אָבער די וואַנט אָפּגערוקט פון איהר אָרט, פאַרקראָכען טיפער הינטער זיך, און די פרוי איז ניצול געוואָרען פון אַ זיכערען טויט.

אין וואָרמס ווייזט מען נאָך איצטער אַן אויף דער וואַנט, וואו דער דאָזיגער נס איז געשעהן. דער אָרט געפינט זיך ניט ווייט פון דער שול, וואו רש״י האָט שפּעטער געלערענט און וואס מ׳רופט טאַקע: „די רש״י שול״. מען ווייזט אויך אָן אויפ׳ן שטוהל אויף וועלכען רש״י איז געזעסען און געלערענט.

די שטאָדט-פאַרוואַלטונג פון ווארמס האָט אַפילו אַ נאָמען געגעבען דאָס געסעל אין וועלכער די שוהל געפינט זיך — רש״י-גאַס.

אַן אַנדער לעגענדע דערציילט וועגען רש״י און דעם אָנפירער פון קרייצצוג, דעם לאָטרינגעשען הערצאָג גאָטפריעד פאָן בויאָן. ווען דער הערצאָג איז אין יאהר 1096 אנגעקומען מיט זיינע קרייצציגער קיין טרוא און זיך דערוואוסט וועגען די וואונדער-מעשות וואָס ווערען דערציילט וועגען רש״י, האָט ער באשלאָסען זיך אַליין אין דעם איבערצייגען. ער האָט זיך פאַרשטעלט פאר אַן ארימען בעטלער, אַן ארומוואַנדערער, און אַוועק אין רש״י׳ס שוהל. ווי נאָר גאָטפריעד האָט איבערגעטראָטען דעם שוועל, איז רש״י צו איהם צוגעגאַנגען, זיך טיעף פאַרנייגט און באַגריסט:

— זיי געבענשט דו גרויסער העלד!

גאָטפריעד איז געוואָרען דערשטוינט, און אין דער מינוט ניט גע־וואוסט וואס צו ענטפערן. רש״י האָט איהם פון דער פאַרלעגענהייט ארויס־גענומען, און זיך אָפּגערופען:

— פאַרוואָס האָסטו, גרויסער העלד, זיך אָנגעקליידט אין שמאַטעס? די גרויסקייט און העלדישקייט וואס גאָט האָט דיר געשאָנקען שיינט ארויס פון דיין פּנים, און עס איז לייכט אין דיר צו דערקענען דעם מיליטערישען פיהרער. זאָג מיר, וואס האָט דיך געבראכט צו דיין קנעכט?

— אזוי ווי דו ווייסט שוין ווער איך בין — האָט דער הערצאָג גע־ענטפערט — וויל איך אַז דו זאָלסט מיר אויך זאָגען וואס מיט מיר וועט פּאַסירען.

רש״י האָט זיך אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, און זיך געשטעלט דאַווענען מיטן פּנים צו מזרח. דער הערצאָג איז געוואָרען אומגעדולדיג, און שוין געוואָלט רש״י׳ן איבעררייסען דעם דאַווענען. פּונקט דאַמאָלט האָט רש״י זיך אומגעקעהרט צו איהם מיטן פּנים און איהם געזאָגט:

— אַזוי זאָגט גאָט: דריי מאָל וועסטו באַזיגען דיינע שונאים, און דו וועסט געקרוינט ווערען פאַר קעניג פון דער היילינער שטאָדט ירושלים. מיט דיין קרוינונג וועלען זיך אָבער אָנפאַנגען רייסערייען און קריגערייען צווישען דיינע מיטהעלפער, און זיי אַליין וועלען דיך פאַרראַטען צו דיינע שונאים. דו וועסט דאַמאָלט זיך צוריקקעהרען אַהיים מיט דריי סאָלדאַטען און דריי פערד.

דער הערצאָג איז געוואָרען שרעקליך אין כעס און אויסגערופען:

— אויב איך וועל נאָר צוריקקומען מיט איין סאָלדאַט אָדער מיט איין פערד מעהרער ווי דו זאָגסט, וועל איך באַפעלען אַרויסצורייסען דיין פאַלשע צונג און לאָזען אויסהרג׳ענען אַלע אידען פון פראַנקרייך.

אין יאָהרען אַרום, נאָכדעם ווי גאָטפריעד איז אַ קורצע צייט געווען קעניג אין ירושלים, איז ער צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך באַגלייט פון דריי רייטער און פיער פערד — איין פערד מעהרער ווי רש״י האָט איהם פאַראויסגעזאָגט. גאָטפריעד איז שוין געווען גרייט דורכצופיהרען זיין שחיטה איבער די אידען, אָבער ווי נאָר ער איז אַריינגעטראָטען אין רש״י׳ס שטאָדט, טרואַ, איז אַ גרויסער שטיין אַראָפּגעפאַלען פון שטאָדט־מויער און דער׳הרגעט איינעם פון די רייטער צוזאַמען מיט׳ן פערד.

גאָטפריעד האָט אַזוי אַרום איינגעזעהען, אַז רש״י׳ס נבואה איז מקוים געוואָרען און געוואָלט גיין איהם אָפּגעבען גרויס כבוד, אָבער רש״י איז שוין דאַמאָלט ניט געווען צווישען די לעבעדיגע.

עס איז אויך פאַראַן אַ צווייטער נוסח, אַז גאָטפריעד האָט טאַקע דערליטען אַ גרויסע מפלה אין ארץ ישראל און פאַרבליבען מיט בלויז צוויי רייטער און דריי פערד, אָבער קיין אייראָפּאַ האָט ער זיך מעהר ניט צוריקגעקעהרט, ווייל ער איז געשטאָרבען אין ירושלים.

אין דער אַלטער פּראַגער שטאָדט ווערט דערציילט די דאָזיגע לעגענדע:

ווען רש״י׳ס פירושים זיינען אָנגעקומען קיין פּראַג, וואו ס׳האָט זיך דאַמאָלט געפונען אַ גרויסער תורה צענטער מיט אַ סך תלמידי חכמים און גאונים, זיינען אַלע פּשוט נשתומם געוואָרען פון די גרויסע אויפטואונגען

זיינע. רש״י׳ס תורה־קענטעניש, זיין חריפות און בקיאות, זיין אויסטער־לישער זכרון און גרויסע התמדה, איז באוואונדערט געווארען ווי א פענאָ־מענאלע דערשיינונג.

וועגען רש״י׳ס גרויסקייט האָט מען באמת שוין געהערט אסך פריי־הער, אבער עס האט זיך באין אופן ניט געלאָזט גלויבען אז ערגעץ העט־ווייט, דאָרטען אין דער מדינה צרפת, ביי די ברעגען פון טייך רהיין, זאל גרויסוואקסען אזא ליכטיגער שטערען, אזא גאון עולם און בעל רוח הקודש.

ווען רש״י׳ס פירושים זיינען אהין אנגעקומען, איז יעדע ספיקות פאר־שוואונדען. יעדער האָט איינגעזעהען, אז דער חידוש און אויפטו איז א סך א גרעסערער ווי מען האָט געגלויבט. די גדולי התורה זיינען ממש באַ־גייסטערט געווארען, און דורכאוים געוואלט אז רש״י זאָל קומען זיך באַ־זעצען אין זייער מקום התורה, אין דער שטאָדט פראג.

קהל האָט תיכף אוועקגעשיקט א שליח מיוחד מיט א כתב רבנות, און רש״י איז געקומען קיין פראג און זיך דאָרטען באזעצט מיט זיין בני בית. רש״י איז נאך דאמאָלט געווען א גאר יונגער מאן, אבער זיין נאָמען האָט גאר גיך אנגעהויבען צו שמ׳ען איבער דער גאָרער וועלט. רש״י האָט אין פראג געגרינדעט א ישיבה, און באלד זיינען זיך אהין אָנגעפארען תלמידים פון א סך נאָהענטע און ווייטע לענדער.

די פראגער קהלה איז געווען שטאָלץ מיט איהר רב, און מיט גרויס יראה אויסגעפאלגט אַלע זיינע עצות און תקנות. רש״י און זיין בני בית זיינען אויך געווען שטארק צו פרידען מיט זייער נייעם אָרט, און זיך געלעבט במנוחה און בשלוה און געדאנקט און געלויבט דעם בורא עולם פאר זיין גרויסען חסד.

האָט אָבער דער שטן, ימח שמו, ניט געקאָנט פארליידען וואס רש״י איז אזוי צופרידען און קאָן זיך זיצען במנוחה און מאכען פירושים. אגב, האָט דעם שטן פארדראָסען וואס אין אזא גרויסער אידישער קהלה ווי די פראגער, איז ניטא קיין סימן פון מחלוקה, און אידען לעבען זיך אין אחדות און אין אהבה.

האָט דער שטן אהן איבעריגע שוועריגקייטען אונטערגעצונדען דעם פייער פון שנאת חנם, און עס זיינען אויפגעשטאנען א סך בעלי מחלוקה וואס האָבען ניט געשאנעוועט ניט דעם כבוד פון דער קהלה און אפילו ניט דעם כבוד פון רש״י.

די מחלוקה האָט זיך גיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט, און ביסלעכווייז איז רש״י געוואָרען דער אַקס ארום וועלכען די מחלוקה האָט זיך געדרייט. מען האָט אָנגעהויבען צו פארביטערען דאס לעבען פון איהם און זיין פאמיליע, אויסגעטראכט אויף זיי אלע מיאוסע בלבולים, און ווען דאָס אלץ האָט ניט געהאָלפען, האָבען זיי רש״י׳ן פאר׳מסר׳ט פארן קעניג פון באָהעמיע און גע־בעטען איהם פאר׳משפט׳ן צום טויט. אין דער מסירה האָט מען דערציילט, אַז רש״י האלט זיך פאר׳ן אידישען משיח און אַגיטירט צו פארלאָזען דאס לאנד און אוועק אין ארץ ישראל.

אַז דער קעניג האָט זיך אפגעזאגט צו גלויבען אין די אלע מסירות, האָבען די בעלי מחלוקה באשלאָסען אליין צו טויטען רש״י׳ן. האָט אבער רש״י געהאט א חלום און געזעהן ווי ער, רחמנא לצלן, שטאַרבט, און זיין פרוי און קינדער וויינען און קלאָגען אויף זיין פריהצייטיגען טויט. רש״י האָט פארשטאַנען אַז דאס האָט מען איהם פון הימעל געוואָרענט נעגען א טויט־געפאהר, האָט ער גערופען צו זיך זיין פרוי און צו איהר אזוי געזאָגט:

— מיר שוועבען אין א גרויסער געפאהר, און ס׳איז מיין עצה אַז מיר זאָלען גיכער עוקר זיין פון פראג. טאָמער אבער וועלען מיינע שונאים מיך באפאלען איידער מיר וועלען קענען אוועק פון דאַנען, גערענק זשע אַז אין מיין ספרים־אלמער שטייט א קריגעלע מיט שמעקעדיגען באלזאם וואס איז א רפואה בטוחה. אויב דו וועסט מיך, חלילה, געפינען א דערשטאָ־כענעם אדער דער׳הרג׳עטען, זאלסטו מיר איינגעבען עטליכע טראָפענס און איך וועל תיכף עפענען די אויגען און אָנהויבען צו ריידען.

מיט עטליכע טעג שפעטער איז טאַקע רש״י באפאַלען געוואָרען אין זיין חדר מיוחד, און הינטען ארום דערשטאָכען געוואָרען. רש״י האָט נאָך באוויזען צו געבען א געשריי, און זיין פרוי איז תיכף אנגעלאפען. זי האָט זיך דערמאָנט אן דעם קריגעלע שמעקעדיגען באלזאם, און איהם גיך איינגעגעבען עטליכע טראָפענס.

בעת רש״י האָט אויפגעעפענט זיינע אויגען און צוריקגעוואונען זיין באוואוסטזיין, איז ער שוין געווען ארומגערינגעלט פון א סך נאָהענטע שכנים און פריינד. אלע האָבען זיך געפרייט און געוואלט גיך לויפען איבערן שטאָדט און אנזאָגען די פריילינע בשורה, אבער רש״י האָט זיי צוריקגע־האלטען און זיי געבעטען:

— גייט, מיינע פריינט, און פארשפרייט די ידיעה אז איך בין אומ־געקומען דורך די הענט פון אומבאַקאַנטע מערדער, און זעהט אז קיין אנדערע אחוץ איהר זאָלען זיך ניט מתעסק זיין מיט דער לויה. מאַכט גאַנץ לאַנגע הכנות, כדי איך און מיין בני בית זאָלען דערווייל קענען פון דאנען עוקר זיין. איהר זאָלט קיינעם ניט אויסזאָגען דעם סוד אז איך לעב נאך ברוך השם, ווארים די שונאים קענען זיך נאך דערוויסען און ווידעראמאָל מיך באַפאַלען.

האָט מען פארשפרייט די ידיעה וועגען רש"י'ס טויט, און אין שטאָט איז געווארען א מרה שחורה. דריי טעג האט מען זיך געגרייט צו דער לויה, און גרויס און ביטער איז געווען די יללה בעת מען האָט דעם ארון אראָפּ־געלאָזט אין קבר אריין.

די שונאים האָבען אבער אלץ ניט גערוהט און זיינען צומאָרגענס נאָך דער לויה געקומען אויפן בית החיים און צעשאָטען דעם קבר. א טאָג שפּעטער זיינען די שונאים זיך ווידעראמאָל צונויפגעקומען אויפן בית החיים צו פארשוועכען דעם קבר, אבער דאס מאָל האָבען זיי געפונען דעם קבר ריין און באַפּוצט און איבער איהם א קאָסטבאַרע מצבה פון ווייסען מירמעל־שטיין מיט דעם נאָמען רש"י אויסגעקריצט אין גאָלדענע אותיות.

די שונאים האָבען געמיינט אז די מצבה איז אויפגעשטעלט געווארען פון רש"י'ס תלמידים און פארעהרער, האָבען זיי איהר צובראָכען און צו־שמעטערט אויף שטיק־שטיקלעך. ווען זיי האבען אבער א טאג שפּעטער ווידעראמאָל געפונען די זעלבע מצבה א גאַנצע און א שיינענדיגע, האבען זיי שוין מורא געקראָגען און דעם קבר מעהר ניט פארשוועכט.

אז די מחלוקה האָט זיך שוין איינגעשטילט, האָט מען זיך ערשט מיט פרייד דערוואוסט אַז רש"י לעבט און פיהרט אן מיט אַ גרויסער ישיבה אין דער אלטער לומדישער שטאָדט רעגענסבורג. רש"י'ן איז אבער, משמעות, ניט באַשערט געווען לאַנג צו לעבען און ער איז גאר גיך נפטר גע־וואָרען. זיין גוף האָט מען דאמאלס געבראַכט מיט גרויס כבוד צוריק קיין פּראג, און נאָך עד היום ווייזט מען אין פּראג אן דאָס אָרט וואו דער ריכ־טיגער קבר רש"י'ס געפינט זיך.

אויף דער מצבה פון יענעם קבר שטייט אפילו אויסגעקריצט דער נאָמען פון איינעם אַ רבי שמעון הצדיק, אבער אויך וועגען דעם דערציילט מען אַ לעגענדע.

א סך יאהרען נאָך רש״י׳ם פּטירה — דערציילט די לעגענדע — איז אין פּראג נפטר געווארען א רב, ר׳ שמעון, און היות ער איז כל ימיו גע־ ווען א זעהר אפּגעהיטענער און פרומער, האָט דאס פאלק איהם פארגליכען צום אמאָליגען כהן גדול און פיהרער פון די אנשי כנסת הגדולה און גע־ רופען: רבי שמעון הצדיק.

בעת די תלמידים זיינע זיינען ארומגעגאנגען אויפ׳ן בית החיים און געזוכט א בכבודיגען קבר פאר זייער רבין, האָבען זיי פלוצים דערזעהען ווי רש״י׳ם קבר שטייט אן אפענער און צוגעגרייטער און אויף דער מצבה איז אויפן ארט פון רש״י׳ס נאָמען געווען אויסגעקריצט דער נאָמען פון רבי שמעון הצדיק.

האָבען זיי פארשטאנען אז עס איז דער רצון מן השמים זייער רבי זאָל געפינען זיין מנוחה צוזאמען מיט רש״י, און אזוי איז׳ס טאקע געבליבען ביז היינט א בשותפות׳דיגער קבר אין וועלכען עס ליגען במנוחה רש״י און רבי שמעון הצדיק.

אן אנדער לעגענדע דערציילט, אז רש״י האָט ביים לעבען געוואלט זעהען דעם מענשען וואס וועט לאחר מאה שנים זיצען מיט איהם אין גן עדן, און נאָך א סך תעניתים און תפילות האָט מען איהם אין חלום צו ווי־ סען געגעבען אז עס איז איינער אן אברהם בן גרשון הצדיק פון באר־ צעלאָנא, שפּאניע.

רש״י האָט זיך דאריבער אוועקגעלאָזט אויף דער וויטער רייזע, און ווען ער איז אנגעקומען אהין האָט ער גיך אויסגעפונען אז זיין חבר אין גן עדן איז דער אפּיקורס דאָן אברהם, וועלכער דאווענט קיינמאָל ניט און היט ניט אפּ אסך פון די אנדערע מצוות.

דאָן אברהם איז געווען זעהר רייך און באוואוינט איינעם פון די שעהנסטע פּאלאצען אין געגענד. זיינע באדינער, וועלכע זיינען געווען א סך אין צאָהל, האבען אלע געטראגען קליידער באצירט מיט ריינעם גאָלד. ווען רש״י איז געשטאנען אין אויפנאהמס צימער און באטראכט די גרויסע עשירות, איז דאָן אברהם איהם אנטקעגען געקומען און מיט גרויס העפ־ ליכקייט און הכנעה געזאגט:

— עס איז פאר מיר א גרויסער כבוד און נחת רוח צו האָבען דעם באריהמטען רש״י פאר מיין גאַסט.

רש״י איז געשטאַנען פאַרוואונדערט און ניט געקענט ארויסברענגען קיין וואָרט פון זיינע ליפען.

— איהר וואונדערט זיך אודאי וואס איך בין אזוי רייך און לעב אין אזוי פול לוקסוס? — האט דאן אברהם געפרעגט — זייט וויסען, רבי, אז דאס האט גאָט מיר אין זיין גרויסען חסד געגעבען.

— טאָ פארוואס זשע זענט איהר אזוי אומדאנקבאר צום אויבערשטען און ווילט ניט אפהיטען זיינע געבאָטען? — האט רש״י מיט שטוינונג געפרעגט.

דאָן אברהם האט זיך געקליבען רש״י׳ן צו ענטפערען אויף זיין פראַגע, אבער ער איז איבערגעשלאָגען געווארען דורך א מעלדונג פון זיין פריוואטען סעקרעטאר.

— מיין ליבער רבי און גאסט — האט דאן אברהם זיך פארוועגדט צו רש״י׳ן — איהר וועט מיר מוזען אנטשולדיגען וואס איך רייס איצטער איבער אונזער געשפרעך. די ארימע לייט האבען זיך שוין פארזאמעלט אין מיין שרייבצימער, און מוז אריינגיין זיי אויסצוטיילען מיינע נדבות. אויב איהר ווילט מיט מיר מיטגיין, וועט איהר אודאי האָבען גרויס פרייד מחמת היינט וועל איך לכבוד די חתונה פון מיין טאכטער אויסטיילען גאר גרויסע סומען געלד.

רש״י איז מיט איהם מיטגעגאנגען, און אויפן וועג געפרעגט:

— אייער צוקונפטיגער איידעם מוז אודאי זיין פון זעהר א רייך הויז?

— ניין, רבי, — האט דאן אברהם געענטפערט — מיין איידעם איז דוקא פון אן ארים הויז, אבער ער איז א זעהר פעהיגער און ערענטליכער מענש און האט זיך פון קינדווייז אן דערצויגען אין מיין הויז.

דאן אברהם האט פארנאנדערגעטיילט א סך נדבות, און רש״י האט זיך אין הארצען שוין אנגעהויבען צו פרייען וואס זיין חבר אין גן עדן איז אזא גוטהארציגער מענש. בינו לבינו איז צוגעקומען צוביידען אן עלטערע פרוי, איינע פון די פיעלע ארימעלייט, און געבעטען איהר געבען אן עצה.

איך וויל ניט אייער נדבה—האָט זי געשריען—נאָר אייער עצה!

די פרוי האט דערציילט אז זי איז אן ארימע אלמנה מיט פיער קינדער, און די איינציגע שטיצע אין הויז איז געווען דער חתן פון איהר עלטסטע טאכטער. ער האט תמיד אויסגעהאלטען די פאמיליע מיט אלעם נויטיגען, נאָר לעצטענס ווען מען האט זיך שוין געגרייט צו א חתונה, האט דער

חתן חרטה געקראָגען און אוועק צו א רייך מיידעל, וועלכע האט איהם פאר־בלענדט ניט מיט איהר חכמה, גוטסקייט און שיינקייט נאָר מיט איהר גאָלד און זילבער.

— איך האב באמת גרויס מיטלייד מיט אייך און אייער טאָכטער — האט דאָן אברהם געזאגט — אבער צי קען איך דען זאגען א דעה א פרעמדען יונגענמאן וועמען צו הייראטען ?

— איהר קאנט יאָ זאגען א דעה — האָט די פרוי געענטפערט — ווייל דער יונגערמאן איז דער חתן פון אייער טאָכטער.

דאָן אברהם איז געבליבען שטיין פארטרויערט, אבער באלד האט ער זיך בארוהיגט און אוועקגעשיקט די פארצווייפעלטע פרוי מיט דער פאר־זיכערונג אז עס וועט קעגען איהר קיין אומרעכט ניט באגאנגען ווערען.

אז די פרוי איז שוין געווען אוועק, האט דאָן אברהם מיט גרויס דרך ארץ געפרעגט רש״י׳ן וואס ער זאל טאָן די פרוי און איהר טאָכטער זאלען ניט ליידען קיין אומזיסטען ווייטאָג.

רש״י האט פארגעשלאָגען צו געבען דער פרוי א גרויסע סומע געלד וואס זאל פארזיכערען די עקזיסטענץ פון איהר פאמיליע. דאָן אברהם איז אבער ניט געווען צופרידען מיט דעם טרוקענעם דין, און באשלאָסען צו האנדלען אויף זיין אייגענעם אופן.

רש״י, איז, נאטירליך, געווען א חשובער גאסט אויף דער חתונה פון דאָן אברהם׳ס טאכטער, און צוליב איהם זיינען שוין אויך געקומען רבנים, לומדים און פרומע אפגעהיטענע אידען. קיינער א חוץ רש״י האט ניט גע־וואוסט, אז דער חתן איז יאהרען לאנג געווען פאר׳קנס׳ט צו אן אנדער מיידעל, די טאָכטער פון דער ארימער אלמנה. רש״י האט שוין געהאט א סך גלויבען און צוטרוי צו דאָן אברהם׳ען, און געפיהלט אז די אלמנה וועט אודאי באלוינט ווערען פאר איהר צער.

די חתונה איז געווען אויף א לוקסוריעזען אופן, און צוגעגרייט איז געווען מעדני מלך און פון כל טוב. די סאמע חשובסטע אריסטאקראטען און רעגירונגס לייט זיינען געקומען צו דער חתונה, און זיך געפרייט מיט דאָן אברהם׳ען וואס ער האט זוכה געווען צו פיהרען זיין עלטסטע טאכטער צו דער חופה. די כלה אליין איז געווען אָנגעטאָן אין די טייערסטע קליידער, באציערט מיט א סך קלענערע בריליאנטענע שטיינדלעך, וועלכע האבען גע־פינקעלט און געלויכטען פון הינטער דעם פנים־שלייער.

די חופּה איז דורכגעפֿיהרט געוואָרען לויט אַלע אידיש־טראַדיציעלע מנהגים. די כלה איז געווען אנגעטאָן אין א ווייס זיידען קלייד, און א ווייס וואָלענער שלייער האָט באַדעקט איהר פּנים. ווען די חופּה איז געווען פאַריבער און די כלי זמרים האָבען אויפגעשפּיעלט א פריילינכס, האָט דאָן אברהם אויפגעהויבען דעם שלייער פון דער כלה׳ס פּנים. אַלע געסט און מחותנים זיינען געבליבען פאַרשטיינערט, וואָרים די כלה איז ניט געווען דאָן אברהם׳ס טאָכטער.

דאָן אברהם האָט די געסט באַרואיגט און ווענדענדיג זיך צום חתן האָט ער געזאָגט:

— בעסער זאָלסטו צוברעכען דאָס האַרץ פון מיין קינד, איידער דאָס האַרץ פון אַן אָרימער יתומה.

רש״י האָט זיך דערנענטערט צו דאָן אברהם׳ען, און איהם שטיל געזאָגט:

— מ׳האָט מיר אין חלום געזאָגט וויסען אַז דו וועסט זיין מיין חבר און זיצען ביי מיין זייט אין גן עדן. בין איך געקומען אהער אויסצוגעפינען ווער און וואָס דו ביסט. פון דעם וואָס מענשען דאָ האָבען מיר דערציילט, האָב איך גרויס עגמת נפש געהאַט. איצטער אָבער זעה איך אַז דו ביזט ראוי צו זיצען נעבען מיר אין גן עדן. איצטער זעה איך אויך, אַז א צדיק איז ניט דער וואָס היט אָפּ די דינים און דאַוונט דריי מאָהל א טאָג, נאָר דער וואָס טהוט מעשים טובים.

ביידע האָבען זיך האַרציג צוקושט, און רש״י איז אהיימגע־שיקט געוואָרען מיט גרויס כבוד און רייכע מתנות.

די פאָלקס לעגענדע האָט אויך דערציילט וועגען רש״י ווי וועגען א גרויסען מעדיקער און כירורג. מען האָט אפילו געגלויבט, אַז ערגעץ וואו געפינען זיך רש״י׳ס וויכטיגע ווערק איבער מעדיצין. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס רש״י האָט באמת פאַרמאָגט א סך מעדיציניש׳ע וויסען צו וועלכען די מאָדערנע מעדיצינישע וויסענשאַפט איז ערשט דערגאַנגען הונדערטער יאָה־רען שפּעטער.

לומדים און פאָרשער קאָנען לייכט אנווייזען אין רש״י׳ס כּתבים אויף איבערראַשענדיגע אַנאַטאָמישע באַשרייבונגען הן פון מענשליכען קערפּער און הן פון חיות און עופות.

רש״י האט אין זיינע כתבים אויך חוזק געמאכט פון די באבסקע רפואות און קמיעות, וואס מען האט באנוצט אין זיין צייט. ער דערציילט וועגען א מין שטיינדעל, וואס מעוברת׳ע פרויען האבען געטראגען אויף זיך כדי ניט מפיל צו זיין.

אינטערעסאנט זיינען אבער די באמת מאדערנע היגיענישע פארשריפטען פאר א נייגעבוירען קינד. מען וויקעלט ארום — זאגט רש״י — דאס קינד אין וויקעלעך, און מען גארטעלט עס ארום מיט א ברייטען נארטעל. אזוי ארום האלט מען איין און מען שטארקט דעם קינד׳ס געלענקען וואס זיינען ווייך און אויסגעצויגען ביים געבוירען ווערען.

לויט די פילע מעדיציניש־וויסענשאפטליכע שטעלען אין רש״י׳ס כתבים, איז פאראן א סך גרונט צו גלויבען אז די פאלקס לעגענדע וועגען רש״י׳ס מעדיצינישער פראקטיק איז ניט קיין לעגענדע נאר א געשיכטליכער פאקט.